STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03037

# TEZN UN MATERYALN TSU DER VELT-KONFERENTS FUN BUND

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# טעזן און מאַטעריאַלן

צו דער וועלט-קאָנפערענץ פון בונדישע
אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס

בריסעל, מאַי 1947

אויסגאַבע פון דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד"
ניו־יאָרק, 1947

Printed in U. S. A.

⁂

די דריי מיט אַ האַלב מיליאָן יידן אין פוילן האָבן שוין פון ערשטן טאָג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געפילט אויף זיך די בלוטיקע האַנט פון דעם היטלעריסטישן תליון. במשך פון די בלוטיקע מלחמה־יאָרן האָבן זיך אַלע יידישע ישובים פון מזרח־אייראָפּע געפונען אונטער דער הערשאַפט פון היטלער־דייטשלאַנד. היטלער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, כדי צו פאַרניכטן די יידישע באַפעלקערונג פון אייראָפּע אויף אַן אופן און אין אַ מאַסשטאַב, וועלכע זיינען נישט באַקאַנט אין דער מאָדערנער געשיכטע. זעקס מיליאָן יידן זיינען אומגעקומען, פאַרפייניקט דורך די היטלער־באַנדיטן. די דאָזיקע שווידערלעכע קאַטאַסטראָפע האָט ראַדיקאַל געענדערט די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די לעבן־געבליבענע יידישע ישובים אין דער וועלט. אין פייער פון די קאַלך־אויוונס און פון די הערואישע געטאָ־אויפשטאַנדן זיינען אויך אומגעקומען די בונדישע מחנות, וועלכע זיינען צענדליקער יאָרן געווען די טרעגער און די שעפער פון דער יידישער וועלטלעכער קולטור. אין די דאָזיקע נייע אומשטענדן איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו רופן די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן. די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז מער ווי בלויז אַ פּרואוו פון די ניצול געוואָרענע בונדיסטן זיך צוזאַמענצורעדן נאָך דעם בלוטיקן מבול. נישט פאַרקלענערנדיק די זעלבשטענדיקייט פון די אָנפירנדיקע בונדישע אינסטאַנצן אין די באַזונדערע לענדער, וועט די וועלט־קאָנפערענץ האָבן פאַר אַן אויפגאַבע אָנצוצייכענען יענע פּראָבלעמען אין יידישן לעבן וועגן וועלכע ס׳איז נויטיק צו קעמפן אויך אויפן אינטערנאַ־

ציאָנאַלן געביט. די קאָנפערענץ וועט אויך דאַרפן אויסטיילן
אַ קאָאָרדיניר־קערפּערשאַפט פאַר אַלע בונדישע גרופּן און אָר־
גאַניזאַציעס, וועלכע זאָל רעפּרעזענטירן פאַר דער אויסער־
לעכער וועלט דעם בונדישן געדאַנק און ווי ווייט עס וועט נאָר
זיין מעגלעך, פאַראייניהייטלעכן דעם קאַמף פאַר דער בונדישער
אידעאָלאָגיע אומעטום דאָרט, וואו יידן לעבן און קעמפן פאַר
אַ סאָציאַליסטישער באַנייאונג פון דער וועלט. אויף דער טאָג־
אָרדענונג פון דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ, שטייען צווישן
אַנדערע אַזעלכע פראַגן ווי די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם
נאָך דער מלחמה, פּראָבלעמען פון יידישן לעבן נאָך דער מלחמה,
קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין וועלט־מאַסשטאַב, די קעגנזייטי־
קע באַציאונגען צווישן „בונד" און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען
אין די באַזונדערע לענדער. וועגן אייניקע פון די דאָזיקע פראַגן
זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך די רעפערענטן טעזן צו
זייערע רעפעראַטן אויף דער וועלט־קאָנפערענץ. די דאָזיקע
טעזן, אָדער דערגאַנצונגען צו זיי, ווערן יעצט פאַרעפנטלעכט
אין דער בראָשור, כדי אונזערע פּאַרטיי־מיטגלידער, ווי אויך די
יידישע אַרבעטער־עפנטלעכקייט, זאָלן האָבן די מעגלעכקייט
מיט זיי זיך צו באַקאָנען. מיר גלויבן, אַז מיט דעם אַרויסגעבן
פון דער בראָשור, האַנדלען מיר אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון
אינערלעכער דעמאָקראַטיע, וועלכע זיינען שטענדיק געווען
דער סימן מובהק פון בונדישן פּאַרטיי־לעבן.

ע. נאָוואָגרודזקי

# פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם נאָך דער מלחמה

1. די פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט, במשך פון די ערשטע 15 מאָנאַטן נאָכדעם ווי די מלחמה איז פאַרענדיקט געוואָרן, לאָזט מער נישט איבער קיין ספק, אַז אייראָפּע איז אַרויפגעטראָטן אויפן וועג פון אַ דעצידירטן סאָציאַליסטישן אויפבוי.

2. מיט דעם מאָמענט ווען דער עלטסטער און אַקטיווסטער טייל פון דער וועלט — דער אייראָפּעאישער קאָנטינענט — איז אַרויף אויפן וועג פון סאָציאַליסטישער אויסגעשטאַלטונג, איז די גאַנצע מענטשהייט אַריינגעטראָטן אין אַ נייער תקופה, דער וויכטיקסטער צייכן פון וועלכער איז קאַמף פאַר וועלט־העגעמאָניע צווישן צוויי ווירטשאַפט־סיסטעמען, דעם קאַפּיטאַליסטישן און סאָציאַליסטישן.

3. זייער שטרייט פאַר וועלט־דאָמינאַציע איז דער וויכטיקסטער אינהאַלט פון אונזער גאַנצן נאָך־מלחמהדיקן לעבן. ער באַקומט זיין באַזונדערס שאַרפן אויסדרוק אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אין דעם קאַמף אַרום די שלום־טראַקטאַטן, אין דער שטעלונג צו דייטשלאַנד און אין דער נייער פעלקער־ליגע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין סאַן־פראַנציסקאָ. מאָסקווע, לאָנדאָן און וואַשינגטאָן זיינען נישט בלויז דריי הויפּט־שטעט, נאָר גלייכצייטיק דריי צענטערן, וועלכע סימבאָליזירן דעם היסטאָרישן קאַמף צווישן דעם סאָציאַליסטישן און קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָרן. פאַרשטאַרקן אין דער היינטיקער אַחריות־פולער צייט דעם כוח פון דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר איז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין דער גאַנצער וועלט.

4. כדי די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל זיין אימשטאַנד אויסצומיידן פעלערן און פאַרשנעלערן דעם זיג פון סאָציאַליסטישן סעקטאָר,

מוז זי זיך אָפּגעבן אַ חשבון וועגן געוויסע וויכטיקע אַספּעקטן פון דעם דאָזיקן וועלט־געשיכטלעכן שטריט. די וויכטיקסטע פון זיי זיי־נען: 1) די שער צווישן דער שטאַרקערער געזעלשאַפטלעכער אַטראַק־ציע פון סאָציאַליסטישן סעקטאָר און דעם מיליטערישן איבערגעוויכט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן; 2) די נאָך עקזיסטירנדיקע שפּאַלטונג אין די אַרבעטער־רייען אויף סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, וועלכע דריקט זיך אויס אין דער נאָך־מלחמה־צייט אין אַ שטרייט צווישן מאָסקווע און לאָנדאָן; 3) די עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַליסטיש רעסטאַווראַציאַניסטישע עלעמענטן אין סאָציאַליסטישן סעקטאָר פון איין זייט און די עקזיסטענץ פון אַ באַדייטנדיקער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר פון דער צווייטער.

## „שער"

5. די שער צווישן דער שטאַרקערער געזעלשאַפטלעכער אַטראַק־ציע פון סאָציאַליסטישן סעקטאָר אין פאַרגלייך מיט דעם קאַפּיטאַ־ליסטישן, הגם דער קאַפּיטאַליזם, רעפּרעזענטירט און געפירט דורך וואַשינגטאָן, פאַרמאָגט אַ מיליטערישן איבערגעוויכט, באַקומט איר אויסדרוק אין דעם, וואָס אָביעקטיוו־היסטאָריש איז דער סאָציאַליס־טישער סעקטאָר אין אָנגריף, בעת דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרטיידיקט זיך. דער דאָזיקער אָביעקטיוו־גינסטיקער צושטאַנד קען צעשטערט ווערן דורך אַ נייער וועלט־מלחמה. דער באַוואוסטזיין דערפון צוזאַמען מיט דער טראַדיציאָנעלער ראָלע פון סאָציאַליזם, אַלס סימבאָל פון שלום צווישן פעלקער, מוז דאָמינירן אין דער גאַנצער פּאָליטיק פון יענע מלוכות, וועלכע טרעטן היינט אַרויס אויף דער וועלט־אַרענע ווי פאַרקעמפער פון דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר. אַן אויפריכטיקע אַנטי־מלחמה פּאָליטיק, איז דער דרינגנדסטער געבאָט פון דער גאַנ־צער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַן אַטמאָספער פון אַן אָנוואַקסנדיקן נייעם באַוואָפנטן וועלט־קאָנפליקט, איז שעדלעך סיי פאַר דעם אינער־לעכן ווירטשאַפטלעכן וואוקס אין די לענדער פון דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר, סיי פאַר זיין געזעלשאַפטלעכן אַטראַקציע־כוח אין דער

וועלט. קיינע טעריטאָריעלע געווינסן קענען דעם דאָזיקן שאָדן נישט קאָמפּענסירן.

6. אַ קאָנסעקוועטע שלום־פּאָליטיק פון סאָציאַליסטישן סעקטאָר, וועלכע וועט אַלץ בולטער און קלאָרער אונטערשטרייכן זיין געשיכטלעכע ראָל פון אַ שלום־טרעגער צווישן פעלקער, פאָדערט דרינגענדיק, אַז מאָסקווע זאָל זיך אָפּזאָגן פון באַנוצן איר זייער באַדייטנדיקן אויסגעוואַקסענעם מיליטערישן כוח, אויף צו באַפרידיקן אַלץ נייע טעריטאָריעלע אַספּיראַציעס אין אייראָפּע און אויף אַנדערע קאָנטינענטן. פון דער צווייטער זייט, מוז לאַנדאָן קאָנסעקוועט אַדורכפירן אַ פּאָליטיק פון ליקווידירן איר אַלטע קאָלאָניאַלע ירושה ד״ה באַפרייען די אַ. ג. קאָלאָניאַלע פעלקער, וועלכע געפינען זיך אין רשות פון דער בריטישער אימפּעריע. קיינע סטראַטעגישע תרוצים קענען נישט היינט, אין דער נייער טעכנאָלאָגישער עפּאָכע, נאָך די דערפאַרונגען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַפרייען דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס פאַלט אויף אַן אַגרעסאָר פאַרן דערנענטערן דעם אויסברוך פון אַ דריטער וועלט־מלחמה.

7. מער ווי ווען נישט איז פריער איז היינט ריכטיק דער כלל, אַז סאָציאַליזם דאַרף נישט געטראָגן ווערן אין דער וועלט אויף די באַיאָנעטן פון אַ פרעמדער גרויסמאַכט. אַזעלכע פּרואוון זיינען נישט מער ווי פייגן־בלעטער צו פאַרדעקן מאַכט־געלוסטן, וועלכע קאָמפּראָמעטירן דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר און שטעלן אים אַרויס פאַר דעם אַגרעסאָר־צד. אין לעצטן סך־הכל שוואַכן אָפּ אַלע אַזעלכע פאַרגוואַלטיקונג־אַקטן דעם ווערביר־כוח פון דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר גופא.

8. דער געזעלשאַפטלעכער אימפּעט פון דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר, וועלכער איז דער כאַראַקטעריסטישער צייכן פון אונזער צייט, פירט דערצו, אַז די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט־אופנים געווינען די אויבערהאַנט איבער די קאַפּיטאַליסטישע; די אַרבעטערבאַוועגונג איז פאַראינטערעסירט איינצוהאַלטן וואָס לענגער דעם דאָזיקן גינסטיקן פאַר איר צושטאַנד דורך אויסמיידן אַן אָפענעם צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי ווירטשאַפטלעכע סיסטעמען. אַ מאָדוס וויוועגדי צווישן די סאָציאַליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטס־סיסטעמען, ווערט

היינט פאַרלייכטערט דורך דעם, וואָס ענגלאַנד, נאָכן זיג פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, ווערט דורך אירווירטשאַפטלעכער רעאָרגאַניזאַציע אויף סאָציאַליסטישע יסודות דערנענטערט צו סאָוועט־רוסלאַנד, פאַרבלייבנדיק דורך איר פּאָליטישן רעזשים פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע ענג פאַרבונדן מיט די פאַראייניקטע שטאַטן.

## שפּאַלטונג

9. די היסטאָרישע סיבה פון דער שפּאַלטונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן איז געווען דער פּרואוו נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פון אַ מינדערהייט צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין די אינטערעסן פון דער מערהייט אָבער קעגן איר ווילן. די דאָזיקע סיבה איז היינט באַזייטיקט געוואָרן דורך דעם, וואָס די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די פאָלקס־מאַסן אין אייראָפּע, האָט זיך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון אַ סאָציאַליסטישן איבערבוי. אַנשטאָט דער אַמאָליקער שער צווישן דער אָביעקטיווער רייפקייט פאַר אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט און דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די פאָלקס־מאַסן, געפאַנגענע אין דער נעץ פון קאַפּיטאַליסטישער אידעאָלאָגיע, פאַלן זיך היינט צונויף די צוויי מאָמענטן — אָביעקטיווע מעגלעכקייט און פּאָליטישער ווילן צו רעאַליזירן דעם סאָציאַליזם.

10. אין דער נאָך־מלחמהדיקער ווירקלעכקייט האָבן זיך אָנגעצייכנט צוויי וועגן פון רעאַליזירן דעם סאָציאַליזם — אַ דיקטאַטאָרישער און אַ דעמאָקראַטישער. דער ערשטער וועג איז רעפּרעזענטירט דורך מאָסקווע, דער צווייטער דורך לאָנדאָן. אויפן אַלגעמיינעם פּאָן פון קאַמף צווישן סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם פאַר וועלט־דאָמינאַציע, קומט פאַר אַ שטרייט אין סאָציאַליסטישן לאַגער גופא צווישן דעם דיקטאַטאָרישן און פרייהייטלעכן סאָציאַליזם. די דאָזיקע ריוואַליזאַציע אין סאָציאַליסטישן סעקטאָר באַקומט איר אויסדרוק אין קאָנפליקטן צווישן מאָסקווע און לאָנדאָן אין די לענדער, וועלכע געפינען זיך אין זייערע ווירקונגס־ספערן. די אַלטע שפּאַלטונג אויף קאָמוניסטן און

סאָציאַליסטן באַקומט היינט, אין די נייע באַדינגונגען, אַ נייעם אינ־האַלט: די קאָמוניסטן זיינען די טרעגער פון מאָסקווער אויסערן־פּאָלי־טיק. דער דאָזיקער ריס שטערט דעם גאַנג פון דער סאָציאַליס־טישער רעוואָלוציע אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט, און ווירקט זיך אויס נעגאַטיוו ווייט איבער די גרענעצן פון אייראָפּע.

די נייע ראָל פון די קאָמוניסטן מאַכט אוממעגלעך צו לייזן די פראַגע פון דער שפּאַלטונג אין אַרבעטער־לאַגער דורך מעטאָדן פון פּאַרמלחמהדיקן איינהייטלעכן פּראָלעטאַרישן פראָנט. דער דאָזיקער לאָזונג איז געוואָרן אַרויסגערוקט אין אַ צייט ווען די אויפגאַבע איז געווען צו פאַראייניקן די כוחות פון אַרבעטער־קלאַס קעגן דער אָנ־גרייפנדיקער היימישער רעאַקציע, אין יעדן לאַנד באַזונדער. היינט, אין די נייע באַדינגונגען, ווען די ראָל פון די קאָמוניסטן איז אַן אינטער־נאַציאָנאַלע, קען די פּראָבלעם געלייזט ווערן בלויז אין אינטערנאַציאָ־נאַלן מאַסשטאַב.

12. דער קוואַל פון דיקטאַטאָרישן סאָציאַליזם איז סאָוועט־רוסלאַנד. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַ זיגרייכע פּראָלע־טאַרישע רעוואָלוציע באַזייטיקט דאָרט פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען און האָט געשאַפן דעם יסוד פאַר אַ סאָציאַליסטישער פּלאַן־ווירטשאַפט. די נויטווענדיקייט צו פאַרטיידיקן די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע קעגן דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג, די פיזישע אויסראָטונג פון די הערשנדיקע שיכטן, דער פּראָצעס פון פאַר־שנעלערטער, כסדר פאַראויס געטריבענער אינדוסטריאַליזאַציע פון אַן אָפּגעשטאַנען אַגראַר־לאַנד, וועלכער האָט געפאָדערט זייער באַ־דייטנדיקע קרבנות פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, דאָס געפיל פון זיין איזאָלירט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע און באַ־דראָט דורך אַ קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג, האָט אַלץ מער און מער פאַרשאַרפט דעם דיקטאַטאָריש־טעראָריסטישן כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט אין סאָוועט־רוסלאַנד ביז איר ענטאַרטונג אין דעם היינטיקן סטאַלין־רעזשים, אָן די מינדסטע שפּורן פון דע־מאָקראַטישע פרייהייטן אַפילו אין פּראָלעטאַרישן לאַגער. דער זיג אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ענדגילטיק אַ סוף געמאַכט צו די אַלע באַדינגונגען, וועלכע האָבן פאַראורזאַכט אַזאַ פּאָליטישע אַנט־

ווי־קלונג פון סאָוועט־רוסלאַנד. אין די נייע תנאים פון אַ סאָציאַ־ליסטישער אייראָפּע, פון געזעלשאַפטלעכן אָנגריף פון די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט־אופנים אין וועלט־מאַסשטאַב, איז פון זיי קיין שפּור נישט געבליבן. די דעמאָקראַטיזאַציע פון סאָוועט־רוסלאַנד וואָלט מעכטיק פאַרשטאַרקט די אידעאָלאָגישע אויסשטראַלונג פון סאָציאַליסטישן סעקטאָר אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָלט פאַרענדיקט די שפּאַלטונג אין די אַרבעטער־רייען און באַדייטנ־דיק פאַרשנעלערט דעם פּראָצעס פון סאָציאַליסטישן אויפבוי אין אַלע לענדער פון דער רואינירטער דורך דער מלחמה אייראָפּע.

13. די אינטערעסן פון דער סאָציאַליסטישער וועלט־עקספּאַנסיע פאַרלאַנגען אָבער, אַז שוין היינט, נאָך איידער סאָוועט־רוסלאַנד איז אַרויף אויפן וועג פון אומפאַרמיידלעכער דעמאָקראַטיזאַציע פון איר רעזשים, זאָלן ווי ווייט מעגלעך באַזייטיקט ווערן די שעדלעכע פאָלגן פון שטרייט צווישן דעם דיקטאַטאָרישן און פרייהייטלעכן סאָציאַליזם. דער וועג דערצו איז אַן ערלעכע פּאַציפיקאַציע אין סאָציאַליסטישן סעקטאָר אויפן סמך פון וועלכן סאָוועט־רוסלאַנד זאָגט זיך אָפּ פון יעדער מין אינטערווענץ אין די ענינים פון לענדער, וועלכע בויען זיך אויף די יסודות פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, און ציט זיך צוריק פון דאָרט, וואו אַזאַ אינטערווענץ אונטער וועלכער נישט איז מאַסקע איז שוין אַדורכגעפירט געוואָרן. אַזאַ צוריקטריט וואָלט במילא געפירט דערצו, אַז דער לאַגער פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם זאָל ענדערן זיין באַציאונג צו סאָוועט־רוסלאַנד, אַז די איינהייט אין די אַרבעטער־רייען זאָל צוריק פאַרווירקלעכט ווערן און אַז ס׳זאָלן געשאַפן ווערן די באַדינגונגען פאַר אַ געמיינזאַמער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט־פּאָליטיק פון מאָסקווע און לאָנדאָן.

14. די פאַרשטענדיקונג צווישן מאָסקווע און לאָנדאָן וועגן אַן איינהייטלעכער וועלט־פּאָליטישער ליניע דאַרף אויסמיידן אַלץ, וואָס קען אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ מיליטערישער בלאָק געריכטעט קעגן וואַשינגטאָן. כדי נישט ברענגען מער שאָדן ווי נוצן, דאַרף אַזאַ פאַר־שטענדיקונג פון סאָציאַליסטישן סעקטאָר פירן אַן אויסגעשפּראָכענע שלום־פּאָליטיק. די עקזיסטענץ גופא פון אַזאַ בלאָק וועט אָפּרוימען

פון וועג אַ סך מניעות פאַר דעם סאָציאַליסטישן איבערבוי פון אייראָפּע און באַדייטנדיק הויבן דעם אָנזען פון סאָציאַליזם אין דער גאַנצער וועלט. אַזאַ בלאָק פון לאַנדאָן און מאָסקווע איז די בעסטע שוץ קעגן אַלע פּרוּוון פון דרויסן צו רעסטאַוורירן דעם קאַפּיטאַליזם אין די אייראָפּעאישע לענדער.

## רעסטאַווראַציאָניסטישע עלעמענטן

15. די רעסטאַווראַציאָניסטיש - געשטימטע קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן טרעטן אומעטום אַרויס אונטער דער באַקוועמסטער פּאַר זיי אידעאָלאָגישער פאָן פון נאַציאָנאַליסטיש־פּאַטריאָטישע לאָזונגען. קעגן די סאָציאַלע מאָטיוון רוקן זיי אַרויס נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע. אַ דערפאָלגרייכער קאַמף קעגן די דאָזיקע עלעמענטן פאָדערט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זי זאָל זיך מיט דער גאַנצער אַנטשידנקייט אַנטקעגנשטעלן די נאַציאָנאַליסטישע לאָזונגען — אנשטאָט דעם האָפּענונגסלאָזן פּרוּוו אויסצונוצן זיי לטובת דעם סאָציאַליזם. פון דעם שטאַנדפּונקט איז דער טומל אַרום דער אַזוי־גערופענער סלאַ־ווישער גורל־געמיינשאַפט פּונקט אַזוי געפערלעך ווי דער פּרוּוו אויסצוניצן די אַנגלאָ־סאַקסישע סאָלידאַריטעט. אין לעצטן סך־הכל ווערן אויף דעם דאָזיקן וועג מאָביליזירט שטימונגען, וועלכע זיינען צום נוצן פאַר בלויז די קעגנער פון דער סאָציאַליסטישער איבערגע־שטאַלטונג פון דער וועלט.

16. אַלע פאַרגוואַלטיקונגען פון זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פון פעלקער, אַן אונטערשיד צוליב וועלכע מאָטיוון זיי ווערן באַגאַנגען, פאַרשטאַרקן די געפילן פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און נאַציאָ־נאַלער באַליידיקונג צווישן די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן פון די געלי־טענע לענדער. די דאָזיקע געפילן פאַרלייכטערן די אויפגאַבע פון די קעגנער פון סאָציאַליזם אָפּצואווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון סאָ־ציאַלן איבערבוי און שטופּן די מאַסן אין די אָרעמס פון דער רעאַקציע. חוץ דעם שאָדן, וואָס אַזעלכע פאַרגוואַלטיקונגען ברענגען דער זאַך פון סאָציאַליזם אין די לענדער גופא, רייסן זיי אַרונטער דעם אָנזען

פון דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר אין דער וועלט־פּאָליטיק און שוואַכן אָפּ זיין ווערבירונג־קראַפט צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

17. אַ ראַדיקאַלער ענטפער אויף די אַלע נאַציאָנאַליסטישע שטימען איז די *פעדעראַציע פון די אייראָפּעאישע פעלקער*. דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר דאַרף ווערן דער טרעגער און פאַרווירקלעכער פון דעם דאָזיקן לאָזונג, אָן דער רעאַליזירונג פון וועלכן די סאָציאַליסטישע איבערגעשטאַלטונג אויף דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט שטיקט זיך ווי אַ מענטש אָן לופט. די אייראָפּעאישע פעדעראַציע וועט זיין אַ טויט־קלאַפּ פאַר אַלע פּלענער פון קעגנזייטיק זיך באַקעמפנדיקע בלאָקן און וועט געבן אַן אויסוועג פאַר די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון די פעלקער אין אַ ריכטונג, וועלכע איז נישט קעגן נאָר אין הסכם מיט די אינטערעסן פון סאָציאַליזם. אין די ראַמען פון אַזאַ אייראָפּעאישער פעדעראַציע קענען אויפן בעסטן אופן געלייזט ווערן די נאָך עקזיסטירנדיקע און טיילווייז דורך די לעצטע געשעענישן נאָך מער פאַרשאַרפטע טעריטאָריאַלע און נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

18. די פעדעראַציע פון די אייראָפּעאישע פעלקער איז די איינציקע ראַדיקאַלע לייזונג פון דער דייטשער פּראָבלעם. זי וועט מאַכן אַ סוף צו דער איצטיקער געפערלעכער לאַגע ווען מאָסקווע, לאָנדאָן און וואַשינגטאָן קאָנקורירן צווישן זיך כדי צו געווינען אויף זייער זייט דעם געשלאָגענעם קעגנער. זי וועט ראַדיקאַל פאַרענדיקן מיט דער מעגלעכקייט פון רעוואַנש־מלחמות און איינשפּאַנען די אַרבעט און ענערגיע פון מיליאָנען דייטשן אין דער אויפגאַבע פון אויפבויען צוריק אייראָפּע.

19. דאָס אָפּשאַפן פון די מלוכה־גרענעצן אין אייראָפּע וועט שאַפן באַדינגונגען פאַר אַ וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט ווי אַ קאָנטינענטאַלע איינהייט. דער דאָזיקער וואוקס וועט שאַפן באַדינגונגען פאַר אַ ווירטשאַפטלעכער עקספּאַנסיע, וועלכע וועט זיין אימשטאַנד זייער באַדייטנדיק צו העכערן דעם לעבנס־ניוואָ פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן. דער כסדר וואַקסנדיקער וואוילשטאַנד

פון די מאַסן וועט פאַרפעסטיקן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג אין באַזונדערע לענדער און אומגעהויער פאַרגרעסערן דעם אויטאָריטעט פון סאָציאַליזם צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. פּלאַן־ווירטשאַפט, דעמאָקראַטיע און פעדעראַציע פון אייראָפּע ווי אַ סאָציאַליסטישע איינהייט איז דער וועג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אויף דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

20. דער קאַפּיטאַליזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז אַרויס פון דער מלחמה אַמווייניקסטן צעשעדיקט. וואַשינגטאָן איז היינט נישט בלויז די שטאַרקסטע מיליטערישע מאַכט אין דער וועלט נאָר אויך דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון קאַפּיטאַליסטישער רעסטאַווראַציע אין אייראָפּע. דער רעסטאַווראַציאָניסטישער אימפּעט פון וואַשינגטאָן ווערט אָבער אָפּגעשוואַכט דורך צוויי מאָמענטן: דורך דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון אונזער צייט, וועלכע פאַראורזאַכט, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז געשיכטלעך שוין מער נישט אַנגרייפעריש און, צווייטנס, דורך דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז ביי איר גאַנצער אַפּאַליטישקייט אַ פּאָטענציאַנעלער טרעגער פון סאָציאַליזם.

21. די גאַנצע פּאָליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט כאַראַקטעריזירט דורך אַן אינערלעכער נישט־דעצידירטקייט. זי וואַקלט זיך צווישן איזאָלאַציע און אַריינמישונג אין די אייראָפּעאישע ענינים, צווישן דעפענסיווע און אָפענסיווע פון קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר. דער סאָציאַליסטישער זיג אין ענגלאַנד איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר, וועלכער שטערט דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם אַנצוגרייפן. דער דעמאָקראַטישער כאַראַקטער פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם צווינגט אים צו אַ באַזונדערער פאָרזיכטיקייט.

22. דער סאָציאַליסטישער לאַגער אין אייראָפּע איז באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין שטויסן פאַרויס די פאַראייניקטע שטאַטן אויפן ענגלישן וועג, ד״ה דורך דעמאָקראַטיע צום סאָציאַליזם. די אַרבעטער־באַוועגונג פון אייראָפּע דאַרף אַלץ טאָן, כדי סטימולירן אין אַט דער ריכטונג די אַנטוויקלונג פון

אַמעריקע. דער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, איר אַלץ וואַקסנדיקע פעאיקייט צו פאַרזיכערן די פעלקער אַ הויכן לעבנס־ניוואָ, פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע דעמאָקראַטיע, אַ פעדערירטע סאָציאַליסטישע אייראָפּע, זיינען די וויכטיקסטע מאָמענטן, וועלכע קענען געווינען די באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרן סאָציאַליזם.

ש. מענדעלסאָן

# די יידישע לאַגע נאָך דער מלחמה

## קאַפּיטל 1.

1) אין משך פון דער היטלער־אָקופּאַציע האָבן די יידישע מאַסן אַרויסגעבראַכט פון זיך זייער אַ גרויסן ווידערשטאַנד־כוח און העראָאיזם. זיי זיינען געקומען צום אויסדרוק סיי אין דער עפּאָכע, ווען די געטאָס האָבן נאָך געלעבט (1939—1942), סיי אין די צייטן פון מאַסן־שחיטות (1942—1943) און זייער קולמינאַציע־פּונקט זיינען געווען די אויפשטאַנדן אין געטאָס און לאַגערן.

דער דאָזיקער העראָאיזם איז געווען און וועט בלייבן דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר, נישט געקוקט אויף די דערשיינונגען פון געפאַלנקייט און דעגענעראַציע, וועלכע האָבן געהאַט אַן אָרט אין געטאָ. די העלדישקייט איז געווען אַ רעזולטאַט פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און סאָציאַליסטישע טראַדיציעס פון די יידישע מאַסן.

2) די הילפרופן פון די געטאָס בעת דער מאַסן־אויסראָטונג האָבן נישט געפונען קיין געהעריקן אָפּקלאַנג און נישט אַרויסגערופן די אויסערגעוויינלעכע רעטונג־טאַטן, וועלכע זאָלן אַנטשפּרעכן דעם פאַרנעם פון פאַרברעכן. סיבות: א) אַלע אָן אויסנאַם אַנטי־אַקס־מלוכות האָבן אין ברען פון קריג מורא געהאַט אַרויסצורוקן דעם יידישן מאָמענט; ב) די מענטשהייט האָט אין איר געשיכטלעכער דערפאַרונג נישט געהאַט קיין מאָרד אין אַזאַ מאַסן־פאַרנעם. מען האָט דעריבער אויסגענוצט אַלס תירוץ פון דער פּאַסיווקייט דאָס נישט־גלויבן.

אויך דער גרויסער יידישער ישוב אין אַמעריקע האָט אין דער רעטונג־פראַגע באַנקראָטירט. עס האָבן זיך נישט געפונען די געזעלשאַפטלעכע קרעפטן, וועלכע זאָלן מאָביליזירן די מאַסן צו אַ פאַר־

מאַנענטן קאַמף פאַר דער רעטונג. עס האָט אויך געפעלט די טראַדיציע פון אַ זעלבשטענדיקן גרויסן נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן אַקט, וואָס זאָל זיך באַזירן אויף דעם געשלאָסענעם קאָלעקטיוון ווילן פון דער מאַסע.

3) אַ דעציִדירנדיקע ראָל אין ראַטעווען וואָס מער יידן האָט געשפּילט די האַלטונג פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. עס לאָזט זיך דורכפירן אין אַלגעמיינע שטריכן פאָלגנדיקע שייד־ליניע: אין בעלגיע, פראַנקרייך, האָלאַנד, נאָרוועגיע, שוועדן, דענעמאַרק איז איינגעשלאָסן געוואָרן אַלס באַשטאַנד־טייל פונם אַנטי־היטלער קאַמף דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך מיט ראַט און טאַט דער עקסטערמינאַציע פון יידן. דער גרעסטער טייל פון די לעטן, ווייסרוסן, אוקראַינער, פאָליאַקן און ליטווינער האָבן אָדער צוגעהאָלפן אָדער זיך גלייכגילטיק באַציִגן צום אומברענגען די יידישע באַפעלקערונג.

4) אין דער ערשטער ריי דאַרף די יידישע סאַץ. באַוועגונג מאָנען די אומברחמנותדיקע שטראָף לגבי דער נאַציסטישער און פאַשיסטישער באַוועגונג און אירע מיטגלידער. זי דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן יעדן פּרוּוו, צוליב פּאָליטישע חשבונות, — אַריינצוציִען נאַציסטישע עלעמענטן אין דעם אויפבוי פון דייטשלאַנד, אָדער אָפּצופּטרן דאָס מוראדיקע פאַרברעכן לגבי די יידן מיט באַשטראָפן אַ געוויסע צאָל פירער פון נאַציזם.

די יידישע סאַץ. באַוועגונג דאַרף אויך פירן אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן די פאַשיסטישע עלעמענטן אין די לענדער, וואו די שחיטות זיינען פאָרגעקומען און וואו די פאַשיסטן זיינען געווען מיטשותפים אין מאָרד.

5) אַלע פראַגן פון יידישן לעבן דאַרפן באַהאַנדלט ווערן אונטערן צייכן פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע. אַ גאַנצע ריי לאָזונגען פון פאַר דער מלחמה זיינען אָדער אין גאַנצן נישט אָנווענדבאַר אָדער מוזן צוגעפּאַסט ווערן צו די נייע באַדינגונגען.

6) געשיכטלעך איז נישט אַלע מאָל געווען אין יידישן לעבן איין צענטר. געווען צייטן, ווען עס האָבן גלייכצייטיק אויף פאַרשידענע אופנים געווירקט אייניקע צענטערן. אין משך פון

די לעצטע העכער 150 יאָר, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסבילדן נייע פאָרמען פון יידישן לעבן — סיי פּאָליטיש, סיי קולטורעל — האָט אַ דאָמינירנדיקע ראָל געשפּילט מזרח־אייראָפּע, אין לעצטן פערטל־יאָרהונדערט — פּוילן. און דאָס — סיי צוליב דער צאָל (געווען אין אַ געוויסן מאָמענט אין מזרח־אייראָפּע אַ מערהייט פון יידישן פאָלק, שפּעטער — כמעט אַ העלפט), סיי צוליב די טיפע פּאָליטישע און גייסטיקע פּראָצעסן, וואָס זיינען דאָרט פאָרגעקומען.

דער אומקום פון דעם גרעסטן טייל פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן ישוב האָט ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע. אייראָפּע בכלל און מזרח־אייראָפּע בפרט האָבן פאַרן נאָענטסטן פעריאָד פאַרלוירן זייער פירנ־דיקע ראָל — סיי צוליב דער קליינער לעבנגעבליבענער צאָל, סיי צוליב דער קוואַליטעט פון די לעבנגעבליבענע, סיי צוליב דער פּאָ־ליטישער לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך.

סיי די אַלטע ישובים סיי די נייע ישובים אין אייראָפּע וועלן — אַ דאַנק זייער טראַדיציע — נאָך אַלץ שפּילן אַ וויכטיקע ראָל.

דער אַמעריקאַנער ישוב, וועלכער וואָלט צוליב זיין מאַסנ־האַפטיקייט געקענט און געדאַרפט שפּילן די צענטראַלע ראָל — וועט דאָס נישט קענען אין נאָענטן פעריאָד דערגרייכן.

די ראָל פון אַמעריקאַנער ישוב ווערט פון טאָג צו טאָג גרעס־סער — קודם־כל אַלס דער וויכטיקסטער הילף־ארסענאַל פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איבער גאָר דער וועלט, אויך אַלס וויכ־טיקער פּאָליטישער פאַקטאָר אין קאַמף פאַר יידישע רעכט. אָבער די ראָל פון אַ נאַציאָנאַל שעפערישן צענטר וועט ער אין דער נאָענט־סטער צייט נישט שפּילן: ערשטנס, צוליב דעם מעכטיקן אַסימי־לאַציע־שטראָם; צווייטנס, צוליב דעם וואָס בנוגע די פאָרמען פון אייגענעם נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך האָבן זיך נישט געשאַפן קיין דיפערענצירונג־ליניעס, וועלכע זיינען דער בולטסטער אויסדרוק פון שעפערישן דראַנג; דריטנס, די פּאַסיווקייט פון דעם גרויסן יידישן אַרבעטער־קלאַס אויפן געביט פון שאַפן די נאַציאָנאַלע פאָר־מען פון יידישן לעבן.

צוליב איר צאָלמאַסיקייט בלייבט נאָך אַלץ אַמעריקע דער

וויכטיקסטער רעזערוואואַר פון יידישן לעבן, און אויף איר דאַרף זיין געווענדעט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, און דער נאַציאָנאַלער און פּאָליטישער רעגענעראַציע פון די העכער 5 מיליאָן יידן דאַרף מען שענקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

דער סאָוועטיש־יידישער ישוב, דער צווייטער לויט זיין גרייס, וועט צוליב זיין נאַציאָנאַלער צעשטויבטקייט, האַסטיקער אַסימילאַציע און פּאָליטישער אָפּגעשלאָסנקייט—נישט שפּילן קיין פירנדיקע ראָל.

דער פּאַלעסטינער ישוב — דער דריטער לויט זיין גרייס און וועלכער איז אַממערסטן אינערלעך געשלאָסן — וועט צוליב זיין העברעאיסטישן כאַראַקטער, נאַציאָנאַליסטישער איזאָלירטקייט און אינערלעכער ביטול־באַציאונג צו אַלע יידישע ישובים — אויך נישט קענען זיין קיין דאָמינירנדיקער כוח.

דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער און קולטורעלער אויפבוי וועט מוזן איצט גיין ווי אַ קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג פון אַלע ישובים (פאַרשטייט זיך, אייראָפּע אַריינגערעכנט), און יעדער ישוב וועט ביישטייערן לויט זיינע מעגלעכקייטן צו דעם בשותפותדיקן פאַרמעסט אויפצובויען דאָס יידישע לעבן.

## קאַפּיטל 2.

1) אין דער איצטיקער איבערגאַנגס־צייט רוקט זיך אַרויס אויפן ערשטן אָרט דאָס פּראָבלעם פון ביאַלאָגישער רעטונג. אין צענטר שטייט די פראַגע פון די לאַגערן. דער חוב פון ליקווידירן די לאַגערן ליגט אויף אַלע גרויסע און קליינע מלוכות. מיר דאַרפן ווערן די מאָנער פון דעם געדאַנק, אַז די אימיגראַציע־באַגרענעצונגען פאַר זיי זאָלן תיכף אָפּגעשאַפט ווערן. עס איז שעדלעך און נישט באַרעכטיקט — דאָס אַרויסרוקן פּאַלעסטינע אַלס דאָס אייגציקע לאַנד, וואָס דאַרף זיי אויפנעמען. דער דאָזיקער לאָזונג האָט שוין געבראַכט אַ סך שאָדן די לאַגער־איינוואוינער און איז עלול צו דערפירן צו אַ קאַטאַסטראָפע. די דאָזיקע לאַגע האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע. אירע רעקאָמענדאַציעס דאַרפן אויסגעפירט ווערן.

דאָס איינאָרדענען וואָס שנעלער די לאַגער־איינוואוינער אין נייע זיכערע היימען איז נישט בלויז די מענטשלעכע פליכט לגבי זיי, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלער געבאָט. וואָס שנעלער די לאַגער־קרבנות וועלן באַפרייט ווערן פון די דעמאָראַליזירנדיקע באַדינגונגען און איינגעשרויפט ווערן אין אַ ניי נאָרמאַל־ווירטשאַפטלעך און פּאָליטיש לעבן, אַלץ שנעלער וועלן זיי אַריינגעצויגן ווערן אין דעם פּראָצעס פון רעגענערירן דאָס יידישע לעבן.

2) אין יידישן לעבן אין אייראָפּע קומען איצט פאָר צוויי פּראָצעסן:

א. שטרעבונג צום ווידער־אויפבוי אין די אַלטע וואוין־לענדער (פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, טיילווייז פּוילן, טשעכיע, עסטרייך א״אַנד.). אויף דעם געביט ווערט פּראָדוצירט אַ ריזיקער סכום נאַציאָנאַלע ענערגיע און ווילן. די רעזולטאַטן אין משך פון פאַרגאַנגענעם נאָך־מלחמה־יאָר — שטוינענדיקע. דער אויפבוי־פּראָצעס איז אויך אַ שטאַרק מיטל קעגן אַנטיסעמיטיזם.

די יידישע עפנטלעכקייט איגנאָרירט אָפט די דאָזיקע וויכטיקע טענדענץ. אונזער אויפגאַבע — פאָדערנדיק ענערגיש די מעגלעכקייט פאַר די, וואָס עמיגרירן, אַריינצוקומען וואָס שנעלער אין די וואוין־לענדער, העלפן מיט אַלע כוחות דעם אויפבוי־פּראָצעס, וועלכער טראָגט אין זיך גרויסע היסטאָרישע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן.

ב. עמיגראַציע. אַ גרויסער עמיגראַציע־שטראָם, וואָס ווערט באַגלייט מיט אַ ציל־באַוואוסט אויפגעשרויפטער בהלה. סיבות: א) אַנטיסעמיטיזם; ב) די איבערלעבונגען פון די מלחמה־יאָרן; ג) דאָס צעזעצטע משפּחה־קעמערל; ד) די באַציאונג צום מינאָריטעטן־פּראָבלעם און שטרעבונג צו נאַציאָנאַלע מלוכות; ה) לעגאַליזאַציע פון טראַנספער פון באַפעלקערונג; ו) די לעבנגעבליבענע יידן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיל־באַל אין קאַמף קעגן ענגלאַנד.

3) יציאת אייראָפּע — אַ שעדלעכער און שעדיקנדיקער לאָזונג. ער שטיצט זיך אויף דער טאָטאַלער פאַראורטיילונג פון דער נישט־יידישער וועלט אַלס שונאים פון יידן. דער דאָזיקער יסוד ליקווידירט יעדע אויסזיכט און האָפענונג, און אין תוך איז דער לאָזונג — פאַלש

און רעאַקציאָנער. ער איז אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר אין אַ גרויסער מאָס שוין דורכגעפאַלן.

4) יציאת פוילן — פאַרניכטעט דעם יסוד נישט נאָר פון די פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען פון די לעצטע 50 יאָר, נאָר אַפילו דעם גרונט־יסוד פון דער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע. די רעזולטאַטן וועלן זיך פאַטאַל אָפּרופן אויף דעם לעבן פון די יידן אין אַלע לענדער.

דאָס בהלהדיקע אַנטלויפן וואָלט געקענט אָפּגעשטעלט ווערן — נישט בלויז דורך די יידישע געזעלשאַפטלעכע כוחות — נאָר קודם־כל דורך די פּאָליטישע מאַכט־פאַקטאָרן אין לאַנד גופא — דורך שאַפן זיכערהייט, ווירטשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס יידישע לעבן זאָל קענען געדייען, און דאָס בלייבן אין פוילן זאָל אויפהערן צו זיין אַ קרבן.

## קאַפּיטל 3.

1) אין אַנבליק פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע און פון די פאַרגאַנגענע היטלער־יאָרן איז שטאַרקער געוואָרן דער צונויפבונד פון די יידן אין פאַרשידענע לענדער. עס איז טיפער געוואָרן די גורל־געמיינשאַפט פון יידישן פאָלק. עס מוז דערביבער:

א) שטאַרקער אַקצענטירט ווערן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע עס טראָגט איין ישוב לגבי דעם אַנדערן (אין דער ערשטער ריי קומט אין באַטראַכט די גרויסע אַחריות פון אַמעריקאַנער יידישע ישובים — צפון־און דרום־אַמעריקע); ב) די יידישע אַרבעטערשאַפט, וועלכע דאַרף שפּילן אין דער איצטיקער היסטאָרישער צייט אַן אַקטיווע און פירנדיקע ראָל — דאַרף זיין צווישן זיך געבונדן אין אַן אינטער־מלוכהשן מאָס־שטאַב כדי אויסצופירן איר נאַציאָנאַל־קולטורעלע שליחות; ג) די קאַמפן אין די באַזונדערע לענדער פאַר ווירטשאַפטלעכער, פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ דאַרפן אונטערשטיצט און געשטאַרקט ווערן דורך פאָדערונגען אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום. הגם עס זיינען נאָך שטאַרק די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן אין באַזונדערע מלוכות — דאָך ווערט דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַקטאָר אַלץ שטאַרקער אוןווירקזאַמער.

אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום ווי אויך אין די באַזונדערע מלוכות מוז מיט דער גאַנצער קראַפט געפאָדערט ווערן, אַז דאָס יידישע ווירט־שאַפטלעכע לעבן זאָל אויפגעבויט ווערן אויפן חשבון פון די מלוכות. נישט געקוקט אויף דער מוראדיק פאַרקלענערטער צאָל יידן, מוז מען ווייטער פאָדערן נאַציאָנאַלע רעכט פאַר די יידישן קיבוצים. די נאַציאָנאַל קולטורעלע אינסטיטוציעס טאָרן נישט פאַלן צו לאַסט אויף דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויסגעהאַלטן ווערן פון די מלוכות.

סיי די געבליבענע פאַרמעגנס נאָך די פאַרברענטע יידן — ווען קיין יורשים זיינען נישטאָ, סיי דער חלק פון שאָדן־ערזאַץ, וואָס וועט גענומען ווערן ביי די דייטשן, וועלכער קומט דער יידישער באַפעלקע־רונג — דאַרפן געגעבן ווערן די באַטרעפנדיקע יידישע קהילות אויף אויפבוי־צוועקן.

2) די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק איז באַזירט אויף זיין נאַ־ציאָנאַלן געפיל און נאַצ. באַוואוסטזיין, דאָס קומט צום אויסדרוק דורך דעם שאַפן און דעם לעבנשטייגער פון דער מאַסע. קולטור־שעפערישקייט איז דער קנין פון דער מאַסע. די געוואַלדיקע רעדוקציע פון דער יידי־שער באַפעלקערונג האָט געשטעלט אין געפאַר דעם קולטור־שעפערישן פראָצעס, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט אין משך פון לעצטן יאָרהונדערט. די אויפגאַבע ביים היינטיקן טאָג: אָפהיטן און צונויפ־זאַמלען דאָס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביז איצט און — אין די ראַ־מען פון די מעגלעכקייטן — באַנייען דעם קולטור־שעפערישן פראָצעס. די יידישע שפּראַך און אונזער מאָדערנע יידישע קולטור איז איינער פון די וויכטיקסטע כלי־זיין פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

אין איצטיקן מאָמענט מוז דער יידישער אַרבעטער־מענטש, די יידישע סאָצ. באַוועגונג לייגן מער געוויכט, ווי דאָס איז געווען פאַר דער מלחמה, אויף דעם דאָזיקן געביט. דאָס יידישע האָרעפּאַשנע פאָלק טראָגט היינט די גרויסע אַחריות פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק.

3) די מלחמה האָט פון איין זייט פאַרשטאַרקט דעם אַסימילאַציע־פראָצעס, וואָס האָט באַקומען—חוץ דעם פון פאַר דער מלחמה—נאָך אַ קוואַל: די פאַרקלענערטע מאַסע, מידקייט פון די ליידן און מוראדיקע דערשראָקנקייט. פון דער אַנדערער זייט מערקן זיך סימנים פון אַן

אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַלן געפיל, וועלכער קען לייכט פאַרקריפּלט ווערן אין נאַציאָנאַליסטישע מיסטישע שטימונגען.

4) דווקא אין דער הייגטיקער צייט מוז מיט באַזונדער עקשנות איינגעפלאַנצט ווערן אין די צעווייטיקטע הערצער פון די יידישע מאַסן — זייער פאַרבונדנקייט און קאַמף־געמיינשאַפט מיט דער אַר־בעטנדיקער מענטשהייט איבער גאַר דער וועלט. נישט געקוקט אויף אַלע אַנטוישונגען, איז די געמיינזאַמקייט פון צילן, האָפנונגען און קאַמף נישט אָפּגעפרעגט געוואָרן. דאָס דאַזיקע אינטערנאַציאָנאַליס־טישע געפיל קען און מוז אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַרבונדן ווערן מיט דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אַלס קעגנזאַץ צו נאַציאָנאַליסטישער פאַרצווייפלונג.

5) אַלע פאָרמען פון נעאָ־רעליגיעזע שטימונגען און רוף „צוריק צום אַלטן" זיינען אויסדרוקן פון רעזיגנאַציע און פאַרלוירנקייט. זיי זיינען אין תוך פּרוכטלאָז און פּאָליטיש — שעדלעך.

6) אַזוי ווי דער קוואַל פון רעאַלן מאַסן־לעבן איז אין אַ גרוי־סער מאָס דערווייל אָפּגעשוואַכט — דאַרף מען היינט מער, ווי פאַר דער מלחמה, אַרויסהויבן די אייגענע ווערטפולע אוצרות פון אונזער פאַר־גאַנגענהייט.

## קאַפּיטל 4.

1) דער ציוניסטישער צוגאַנג און ענטפער אויף דער יידישער פראַגע איז אַלעמאַל געווען און איז איצט נאָך אין אַ גרעסערער מאָס— איזאָליאַציאָניסטיש און שעדלעך. אין לעצטן סך־הכל אַנטוואָפנט ער נאַציאָנאַל און פּאָליטיש די יידישע מאַסע. יידישע מלוכה איז נישט קיין לייזונג פון דער יידן־פראַגע און דאָס קאָמפּליצירט—די אַזוי אויך שווערע לאַגע פון יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע. דער פאַרשטאַרקטער נאָך דער מלחמה „שלילת הגלות" איז היסטאָריש פאַלש, פּאָליטיש שעדלעך און נאַציאָנאַל אָפּטויטנדיק.

2) אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ איז געבונדן און אָפּהענגיק פון די דערגרייכונגען פון סאָציאַליזם. עס איז אוממעגלעך איינצושטעלן אַ פּרימא און סעקונדא בנוגע נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן קאַמף. פרייהייטלעכער סאָציאַליזם אינטעגרירט פרייהייט פון יחיד און נאַ־

ציאָנאַלן כלל צו לעבן אין זיין נאַציאָנאַלער קולטור. דאָס נאַציאָנאַלע אויסלעבן זיך קומט נישט אויטאָמאַטיש, נאָר איז שטאַרק אָפּהענגיק פונם וואָלונטאַטיוון עלעמענט. דער סאָציאַליסטישער אויסבליק איז די גרעסטע דערמוטיקונג און רעאַלסטע פערספעקטיוו פאַר די פאַרפייניקטע יידישע מאַסן. נאָר די כוחות אין יידישן לעבן, וועלכע זיינען באַוואָפנט מיט דער וועלט־אויסלייזערישער אידייע פון סאָציאַליזם — זיינען גלייכצייטיק די אמתע טרעגער פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

גלייכצייטיק מוז מען פאָדערן פון דעם אָרגאַניזירטן סאָציאַליס־טישן סעקטאָר אויף דער וועלט די גרייטקייט צו העלפן די שווער געפּרואווטע יידישע באַפעלקערונג. די דאָזיקע הילף־גרייטקייט איז דער מעסטער פון אמתן הומאַניטאַרן סאָציאַליזם.

4) די פאָרם פון אָרגאַניזאַציע פון יידישן לעבן אין אייראָפּע, וועלכע איז צוגעפּאַסט צו דער שטאַרק פאַרקלענערטער צאָל איז — די קהילה. איר כאַראַקטער דאַרף זיין אַ וועלטלעכער און געוויילטער אויף דעמאָקראַטישע יסודות מיט עפנטלעך רעכטלעכע אַטריבוטן. די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטערשאַפט דאַרף שטרעבן צו אַ פירנדי־קער ראָל אין די קהילות.

5) די פּראַקטיק פון שאַפן נאָך דער מלחמה פרייוויליקע גע־מיינזאַמע אינסטיטוציעס פון אַלע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג — ווי למשל אין פּוילן — די יידישע קאָמיטעטן, אין פראַנקרייך — דער קריף אאַז״וו. האָט באַוויזן, אַז זיי זיינען נישט פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אינסטרומענטן פון ווילן פון דער יידישער באַפעלקערונג ווי אויך נישט אין אָרגענעס, וואו עס זאָלן אויסגעפּאַכטן ווערן די בליקן און אָנשויאונגען בנוגע דעם ווייטערדיקן אויפבוי פון יידישן לעבן. דער דאָזיקער אופן פון שאַפן אַלגעמיינע־כלל־ישראל־אינסטיטוציעס אַנטשפּרעכט נישט די באַדערפעניש פון אונזער צייט.

6) אייראָפּעאישע פעדעראַציע, וועלכע איז דער לאָזונג פון דער דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער וועלט, וואָלט אויך באַטייט אַן אינער־לעכע באַקרעפטיקונג פון יידישן ישוב אין אייראָפּע. די לעבנגעבליבענע 2 מיליאָן יידן וואָלטן דאַן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געוויסע איינהייט — געבונדן מיט געמיינזאַמקייט פון פּאָליטישן לעבן — און דאָס וואָלט פאַרלייכטערט דעם פּראָצעס פון צונויפשמעלצן זיי אויך נאַציאָנאַל.

## אויפגאַבן פון דעם קאָאָרדיניר-קאָמיטעט

1. איינהאַלטנדיק די פולע ביז איצטיקע זעלבשטענדיקייט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע ענינים, וועלכע האָבן אַ שייכות צו זייער פּאָליטישן קאַמף אויפן אָרט, דאַרף דער קאָאָרדיניר-קאָמיטעט שטרעבן צו ווערן דער אידייאישער צענטר פאַר דער גאַנצער בונדישער באַוועגונג אין דער וועלט.

2. דער קאָאָרדיניר-קאָמיטעט דאַרף אויספירן די פונקציעס פון אַ צווישנלענדישער פאַרטרעטונג פון אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס, וואו זיי זאָלן זיך נישט געפינען, אין אַלע ענינים פון מאַטעריעלער הילף פאַרן „בונד", פאַרן ווירטשאַפטלעכן אויפבוי פון יידישן לעבן, און פאַר אַלע ענינים, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דעם יידישן קולטור-וועזן.

3. פאַר אַלע סאָציאַליסטישע און אַלגעמיינע וועלט-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען נאָך דער מלחמה, דאַרף דער קאָאָרדיניר-קאָמיטעט ווערן דער אָרגאַן וועלכער פאַרטרעט די בונדיש געשטימטע עלעמענטן אין יידישן לעבן.

4. איבערצייגט, אַז דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם דאַרף געפירט ווערן דורך דעם „בונד" נישט נאָר אין יעדן לאַנד באַזונדער, נאָר אויך אין וועלט-מאַשטאַב, שטעלט זיך דער קאָאָרדיניר-קאָמיטעט די אויפגאַבע צו פירן דעם דאָזיקן קאַמף אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום.

5. דער קאָאָרדיניר-קאָמיטעט דאַרף שטרעבן צו פאָרמולירן דעם בונדישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אומעטום וואו דער ציוניזם טרעט היינט אַרויס ווי די איינציקע רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן פאָלק.

6. דער קאָאָרדיניר-קאָמיטעט סטימולירט און העלפט צו דער

אַנטשטייאונג פון בונדישע גרופּן און אָרגאַניזאַציעס דאָרט, וואו אַזעל־
כע זיינען נאָך נישט פאַראַן.

7. דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט גיט אַרויס אַ מאָנאַטלעכן אָרגאַן, וועלכער פאַרנעמט אַ שטעלונג צו אַלע פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן און יידישן לעבן און שפּיגלט אָפּ די טעטיקייט פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן אין דער וועלט.

8. דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט גיט אַרויס אַ מאָנאַטלעכן ביו־לעטין אין יידיש און אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע אין דער ענגלישער שפּראַך.

9. דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט ווערט געוויילט אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן. זיין זיץ־אָרט איז אין ניו־יאָרק.

10. דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט באַשטייט פון 17 מיטגלידער: דער „בונד״ אין פּוילן — 4, דער „בונד״ אין פראַנקרייך — 3, בעלגיע, שוועדן און זיד־אַמעריקע צו איין פאָשטייער. די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין ניו יאָרק — 2 פאָרשטייער. די איבעריקע 5 ווערן געוויילט אָן אונטערשייד פון לאַנד. באַמערקונג: די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין דרום־אַמעריקע באַשטימען אַליין זייער דעלעגאַט אין קאָאָרדיניר־קאָמיטעט.

11. מיטן מאָמענט פון אויסבילדן דעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט הערט אויף צו עקזיסטירן די אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד״ אין פּוילן.

ל. האַדעס

## טעזן וועגן די יסודות פון צוזאַמענאַרבעט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן

### 1.

די צוזאַמענאַרבעט צווישן בונדישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן פון פאַרשידענע לענדער דאַרף זיך שטיצן אויף די פּרינציפּיעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות פון דער בונדישער וועלט־אַנשויאונג.

דער „בונד" האָט אַלעמאָל באַטראַכט ווי עיקרים פון זיין איינ־שטעלונג די פאָלגנדיקע הנחות:

1. די א. ג. „יידן־פראַגע" איז ענג פאַרבונדן מיט די קאָנקרעטע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען אין יעדן לאַנד באַזונדער. דער גורל פון דער יידישער מאַסע אין יעדן לאַנד איז קודם־כל אָפּהענגיק פון דער מפּלה פון דער היימישער רעאַקציע און פונם זיג פון די כוחות פון פרייהייט און סאָציאַליזם.

2. די יידישע מאַסן לעבן אין אַ באַשטימטער פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער סביבה און זייער קאַמף פאַר פּאָליטישער, נאַציאָ־נאַלער און סאָציאַלער אויסלייזונג איז במילא פאַרבונדן מיטן קאַמף פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן.

3. די לעבעדיקע פּאָליטישע און סאָציאַליסטישע טעטיקייט אויף דער יידישער גאַס קאָן דעריבער געפירט ווערן אין די ראַמען פון אַ באַשטימטן לאַנד און עס איז נישטאָ קיין באַדן פאַר קיין צווישנמלוכה־שער אָרגאַניזאַציע פון די יידישע מאַסן צום קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

### 2.

אין דער ערשטער סטאַדיע פון די צוגרייטונגען צו דער וועלט־קאָנפערענץ פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס איז פאַרשפּרייט געווען אין אייניקע בונדישע קרייזן אַן אָריענטאַציע אויף שאַפן אַ „וועלט־בונד"

אָדער אַן אַנדער פאָרם פון אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע פון „בונד“. אין הסכם מיטן אויבנגעזאָגטן, געפינט זיך אַזאַ אָרגאַניזאַציע אין סתירה מיט דער בונדישער וועלטאָנשויאונג און די קאָנפערענץ מוז פון אַט דעם געדאַנק זיך קלאָר אָפּגרענעצן. אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע וואָלט פאַראייניקט באַזונדערע גרופּן, וועלכע לעבן אין די פאַרשידנאַרטיקסטע באַדינגונגען, — אַזאַ אָרגאַניזאַציע קאָן נישט שאַפן קיין באַדן פאַר געמיינזאַמע פּאָליטישע אויפגאַבן און האַנדלונגען, נאָר פאַרקערט, איז מסוגל — אויפן אידעאישן געביט — צו ווערן דער זאַמלפּונקט פון אויטאָפּיסטישע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען, וואָס ווענדן אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון די רעאַלע פּאָליטישע צילן און אויפגאַבן און — אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט — צו ווערן אַ פיקטיווע אָרגאַניזאַציע, וועלכער עס דראָען אַלע געפאַרן און שטרויכלונגען פון אַפּאַראַטן, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון אַ צאַפּלדיקער מאַסן־באַוועגונג.

## 3.

די בונדישע קעגנערשאַפט צו דער קאָנצעפּציע פון דער צווישנמלוכהשער אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער איז צווישן אַנדערן אַרויסגעפלאָסן פון די ריכטיק־באַגריפענע יסודות פון אינטערנאַציאָנאַליזם. דער „בונד“ האָט אַלעמאָל באַטראַכט פאַר דעם ערשטן און וויכטיקסטן שטאַפּל צום אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם די נאָענטסטע קאַמפּספאַרבינדונג און ענגסטע צוזאַמענאַרבעט פון די יידישע אַרבעטערמאַסן מיטן לאַנד־פּראָלעטאַריאַט. די שטרעבונג פון „בונד“ איז אַלעמאָל געווען צו זיין, אַלס גאַנצער, אַן אָרגאַנישער טייל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין לאַנד.

דער דאָזיקער כלל איז באַזונדערס ריכטיק היינט, — ווען בונדישע גרופּן אין אַ ריי לענדער אַרבעטן ענג צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון זייערע לענדער, און אין אייניקע לענדער זיינען אַפילו פאַראַן גוטע אויסזיכטן, אַז די בונדישע באַוועגונג, אַלס גאַנצע, זאָל ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון די אַנטשפּרעכנדיקע פּאַרטייען אין לאַנד. מ׳מוז זיך יעדנפאַלס אָפּגעבן אַ רעכענונג, אַז נאָר אין ענגער צוזאַמענאַרבעט מיטן לאַנד־פּראָלעטאַריאַט קאָן דער „בונד“ אין פּוילן אויספילן היינט די היסטאָרישע אויפגאַבע, וועלכע שטייט

פאַר אים אין לאַנד. דאָס זעלבע איז גילטיק פאַרן פאַרבאַנד אין פראַנק־רייך און פאַר די גרופּן אין אַנדערע לענדער.

די אָנגעהעריקייט צו אַ צווישנמלוכהשער וועלט־אָרגאַניזאַציע מוז אָביעקטיוו פירן צו דער אָפּשוואַכונג פון דער אַזוי־נויטיקער פאַר־בינדונג אין לאַנד־מאַסשטאַב.

די דאָזיקע טראַדיציאָנעלע אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות פון בונ־דיזם ווערן באַזונדערס צאַפּלדיק־אַקטועל גראַד איצטער אינם טראַ־גישסטן פעריאָד פונם לעבן פון די יידישע מאַסן.

די מסירת־נפשדיקע טעטיקייט פאַר אויפבוי אין די באַדינגונגען פון צעווילדעוועטן אַנטיסעמיטיזם, וועלכע עס פירן אונזערע חברים אין פוילן, די אָנשטרענגונגען פאַר איינשטעלן אַ יידישע סאָציאַליס־טישע באַוועגונג אין פראַנקרייך אד״גל. קענען האָבן די נויטיקע שאַנסן אויף דערפאָלג, ווען עס וועט איינגעשטעלט ווערן דער ענגסטער קאַמפס־בונד מיט די פּוילישע, פראַנצויזישע און אַנדערע חברים, און ווען עס זאָל די בונדיסטן געלינגען צו מאַכן זייערע צילן פאַר די צילן פונם לאַנד־פּראָלעטאַריאַט.

יעדער פּרואוו צו שאַפן אַ בונדישע וועלט־אָרגאַניזאַציע קאָן אין אָט די דאָזיקע באַדינגונגען זיין נאָך מער שעדלעך, אָפּוועגנדיק, אין דער צייט פון דער נויטיקער גרעסטער כוחות־אָנשטרענגונג, די אויפ־מערקזאַמקייט און ענערגיע אין אַ פאַלשער ריכטונג.

## 4.

1. די דאָזיקע טראַדיציאָנעלע קלאָרע אידעאָלאָגישע איינשטע־לונג פון „בונד״ האָט קיינמאָל נישט געשטערט די בונדישע גרופּן אין פאַרשידענע לענדער צו שטיין אין נאָענטן אידעאָלאָגישן און הילפס־קאָנטאַקט, פריער מיטן „בונד״ אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד, און שפּעטער מיטן „בונד״ אין פוילן.

2. שוין נאָכן צווייטן וועלט־קריג האָט זיך געפילט אַ באַדער־פעניש אָט דעם קאָנטאַקט צו פאַרטיפן (אויפן געביט פון קולטור־טעטיקייט, דערציאונג אד״גל). די נויטיקייט צו מאַכן ענגער און פעסטער אָט דעם קאָנטאַקט ווערט באַזונדערס וויכטיק נאָך דער טראַ־

גישער קאַטאַסטראָפּע, ווען די אויפבוי־אַרבעט אין אייראָפּע און באַ־
זונדערס אין פּוילן פאָדערט די מאַקסימאַלסטע אָנשטרענגונג און ווען
די רעזולטאַטן פון היטלערס מאָרד־אַרבעט פילן זיך אַזוי ווייטאָגדיק.

3. צווישן אַנדערן קאָן זיין נוצלעך, אַז עס זאָלן, ווי ווייט לויט
די מעגלעכקייטן, קאָאָרדינירט ווערן די טעטיקייטן פון באַזונדערע
בונדישע גרופּן אויפן געביט פון קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם.

דאָס גלייכן קאָן זיין נוצלעך אַ בעסערע קאָאָרדינירונג
צווישן פאַרשידענע בונדישע גרופּן אין אַנטקעגנשטעלן זיך דער אָנ־
גרייפערישער פּאָליטיק פון ציוניזם.

4. די אַלגעמיינע ריכטליניע פון דעם דאָזיקן קאַמף מוז או־
מעטום ווערן די אומצווײדייטיקסטע הילף פאַרן אויפבוי פון יידישן
ישוב אין פּוילן, פאַרן ווידעראויפבוי פון יידישן לעבן בכלל און ריק־
זיכטסלאָזער קאַמף קעגן די אידייען פון „יציאה".

5. עס איז נויטיק צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון בונדיסטן
אין פאַרשידענע לענדער אויפן געביט פון דער גאַנצער הילפס־טעטי־
קייט פאַרן ווידעראויפבוי אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער אין
אייראָפּע.

6. קאָאָרדינירטע טעטיקייט קאָן גלייכצייטיק זיין נוצלעך אין
פּרט פון געפינען אַ מקום מנוחה פאַר די בונדיסטן אין די לאַגערן,
ווי אויך פאַר די צווייטע און צעשפּרייטע בונדיסטן אין גאַר דער
וועלט. עס דאַרף קאָאָרדינירט ווערן די טעטיקייט פון באַזונדערע בונ־
דישע גרופּן אין די אימיגראַציע־לענדער, מיטן ציל צו שאַפן אַ היים
פאַר אַ וואָס גרעסערער צאָל בונדיסטן.

## 5.

1. פאַר אויספירן אָט די אַלע אויפגאַבן דאַרף איינגעשטעלט
ווערן אַ ווי ווייט מעגלעך ענגערער קאָנטאַקט צווישן פאַרשידענע
בונדישע גרופּן מיטן „בונד" אין פּוילן און זיין רעפּרעזענטאַנץ אין
אַמעריקע, ווי אויך מיטן „בונד" אין פראַנקרייך, בעלגיע, מיט די בונ־
דיסטן אין די לאַגערן א"אַנד.

דער קאָנטאַקט קאָן פאַרווירקלעכט ווערן דורך אַ ספּעציעל אויס־
געטיילטער פאַר דעם ציל קאָנטאַקט־קאָמיסיע.

2.ביים אויסטיילן אַט די קאָמיסיע דאַרף מען האָבן אין זינען די אויבנאָנגעוויזענע פּרינציפּיעלע איינשטעלונג און אויסמיידן דאָס פּאַנאַנדערבויען אָרגאַניזאַציאָנעלע אַפּאַראַטן, וועלכע זאָלן געבן די אילוזיע פון אַ געשאַפענעם וועלט־בונד אָדער פון אַן ענלעכער צווישנ־מלוכהשער אָרגאַניזאַציע פון יידישע סאָציאַליסטן. עס טאָר נישט גע־מאַכט ווערן קיין שום שריט, וועלכער זאָל קאָנען אידענטיפיצירט ווערן מיט כלומרשטע וואַלן פון אַ צענטראַלער וועלט־קערפּערשאַפט פון „בונד“.

ביי דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די אַרבעטס־באַדינגונגען אין די פאַרשידענע לענדער פון בונדישער טעטיקייט, ביי דער פאַרשידנאַר־טיקייט פון די געשיכטלעכע, פּאָליטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען, ביי די פּאַראַנענע פּערספּעקטיוון, אַז אין אייניקע לענדער זאָל איינ־געשטעלט ווערן אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט פון „בונד“ מיט דער אַל־געמיינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון לאַנד און קאָנטאַקט מיטן גאַנצן לאַנד־פּראָלעטאַריאַט, — ביי אַט די אַלע אומשטענדן איז אַבסאָלוט נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ געמיינזאַמער קערפּערשאַפט פון אַלע אָר־גאַניזאַציעס,—אַ קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל געבן דירעקטיוון, אָנ־ווייזונגען, אָדער אידעאישע אינסטרוקציעס; מיט איין וואָרט — עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע מיט דיסציפּלין און צענטראַלער אָנפירונג.

**6.**

דער נויטיקער אידעאישער איינקלאַנג צווישן פאַרשידענע גרופּן קאָן דערגרייכט ווערן אויפן וועג פון פאַרשטענדיקונג, פון קעגנזיי־טיקער באַאיינפלוסונג אין פּראָצעס פון נאָענטסטער צוזאַמענאַרבעט, ווי למשל, דורך סיסטעמאַטישן אויסטויש פון אינפאָרמאַציעס, דורך באַמיאונגען צו ברענגען אין איינקלאַנג וויכטיקערע דערקלערונגען, דורך קאָנסולטאַציע פון באַזונדערע געביטן פון טעטיקייט, דורך קעגנ־זייטיקער פאַרשפּרייטונג פון פּרעסע, אויסגאַבן אד״גל, דורך געמיינ־זאַמער אַרבעט און הילף פאַר די צילן פון אויפבוי אין פּוילן און אַנ־דערע לענדער אין אייראָפּע.

.7

די קאָנטאַקט־קאָמיסיע, וועלכע ווערט אויסגעטיילט אויף צו פאַרווירקלעכן אָט דעם קאָנטאַקט און קאָאָרדינירונג, ווערט צוזאַמענ־געשטעלט דורך פאָרשטייער פון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. די פאָרשטייער ווערן אויסגעטיילט דורך די אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַני־זאַציעס.

פראָפעסאָר ל. הערש

# אונזער וועג אין דער נייער תקופה

די היטלער־קאַטאַסטראָפע האָט געשאַפן פאַר אונזער באַוועגונג אַזאַ געפערלעכע לאַגע, אַז כדי צו קענען אָנמערקן אונזער ווייטערדיקן וועג מיט ערנסטע שאַנסן אויף דערפאָלג, מוזן מיר אָן שוואַרצע און אָן ראָזיקע ברילן קוקן דער ווירקלעכקייט דירעקט אין פנים אַריין. — קודם כל מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן דריי זאַכן:

1. ווי האַלט עס בכלל מיטן קיום פון יידישן פאָלק נאָך די היטלערישע מאַסן־אויסראָטונגען?

2. וואָס זיינען נאָך דעם גרויסן חורבן די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פאַר אַ יידישער אַרבעטער־באַוועגונג?

3. וואָס קענען מיר אַנטקעגנשטעלן, פון איין זייט, דער מאַסן־מיסטיק וועלכע באַזירט זיך אויף דעם פאַקט „מאָסקווע“, און פון דער אַנדערער, יענער מיסטיק, וואָס באַזירט זיך אויף דעם פאַקט פונם אויסגעוואַקסענעם יידישן ישוב אין פאַלעסטינע?

## ערשטער טייל:

## די יידישע נאָך־מלחמהדיקע ווירקלעכקייט און אונזערע נאָך־מלחמהדיקע מעגלעכקייטן

### א. — ווי האַלט עס מיטן קיום פון יידישן פאָלק?

**פאָזיטיווע מאָמענטן:**

1. דאָס וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אין משך פון טויזנטער יאָרן געקאָנט אויפהאַלטן זיין נאַציאָנאַלן קיום, בעת אָן אָן ערך גרעסערע און מעכטיקערע פעלקער זיינען אונטער דער צייט איינגאַנצן

אונטערגעגאַנגען, דערקלערט זיך בעיקר מיט צוויי אָביעקטיווע פאַקטן, מיט צוויי „קאָנסטאַנטן" פון דער יידישער געשיכטע פאַר די לעצטע דריטהאַלבן טויזנט יאָר: דאָס איז, פון איין זייט, די צעשפּרייטקייט זיינע איבער פאַרשידענע לענדער און, פון דער אַנדער זייט, זיין קאָנצענטרירטקייט אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין יעדן לאַנד באַזונדער. די צעשפּרייטקייט האָט געהאַט דעם פועל יוצא, אַז אַפילו די גרעסטע קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבן געטראָפן די וויכטיקסטע יידישע צענטרען, זיינען ניט געווען קיין טויט־קלאַפּ פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס האָט ווייטער געצויגן זיין געשיכטע אין אַנדערע לענדער. די קאָנצענטרירט־קייט אין קאָמפּאַקטע מאַסן האָט דערמעגלעכט דער יידישער באַפעל־קערונג אויפצוהאַלטן אַן אייגן נאַציאָנאַל־קולטורעל לעבן ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז געווען אַ מינדערהייט אין יעדער מדינה. אַט אַזוי האָט די צעשפּרייטקייט איבער פאַרשידענע לענדער גאַראַנטעוועט דאָס יידישע פאָלק פון פיזישער אויסראָטונג, און זיין קאָנצענטריט־קייט אין יעדן לאַנד האָט עס אָפּגעהיט פון גייסטיקער אַסימילאַציע דורך דער אַרומיקער באַפעלקערונג. און ביידע צוזאַמען פלעגן ברענ־גען צו דעם, אַז נאָך דעם אונטערגאַנג אַפילו פון אַ פירנדיקן יידישן צענטר פלעגט אויפקומען אַ נייער פירנדיקער צענטר אין אַן אַנדער מדינה, און עס פלעגט אַזוי זיך אָנהויבן אַ נייע תקופה אין דער יידי־שער געשיכטע. — דער אַזוי גערופענער גלות, אַנשטאָט צו זיין אַ יידי־שער נאַציאָנאַלער אומגליק, האָט ביי דער קאָנצענטרירטקייט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, פאַרקערט, גאַראַנטעוועט דעם קיום פון יידישן פאָלק אין משך פון טויזנטער יאָרן.

2. די היטלער־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט חרוב געמאַכט דעם גרויסן יידישן קיבוץ פון מזרח־ און מיטל־אייראָפּע, וואו מיט צוויי־דריי דורות צוריק איז געווען קאָנצענטרירט אומגעפער פיר פינפטל פון גאַנצן יידישן פאָלק, און וואָס לויט די אַבסאָלוטע צאָל קרבנות האָט זי ווייט אַריבערגעשטיגן די ערגסטע קאַטאַסטראָפעס פון דער יידישער געשיכטע, האָט פונדעסטוועגן אויך ניט געבראַכט צו יענער אויסראָטונג פון דער „יידישער ראַסע" וועגן וועלכער עס האָט גע־חלומט היטלער מיט זיינע מערדער־באַנדעס, טאַקע אַ דאַנק דעם וואָס אין משך פון די לעצטע צוויי־דריי דורות האָבן אַ סך מיליאָנען יידן

שוין געהאַט אויסגעוואַנדערט עבר־לים און געשאַפן דאָרטן אַ גאַנצע ריי נייע יידישע קיבוצים: דעם מעכטיקן, פיל־מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין צפון־אַמעריקע, דעם דינאַמישן יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע, די באַדייטנדיקע ישובים אין דרום־ און צענטראַל־אַמעריקע, דרום־אַפריקע און אַנדערע לענדער. אויך דאָס מאָל האָט די צעשפּרייטקייט גאַראַנטעוועט דאָס יידישע פאָלק פון אַ זיכערן אונטערגאַנג, און די קאָנצענטרירטקייט פון די אויסגעוואַנדערטע יידישע מאַסן אין די נייע ישובים האָט דערמעגלעכט די שאַפונג פון קלענערע און גרעסערע און אַפילו גאָר גרויסע צענטרען פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין אַ ריי נייע מדינות, צענטרען וואָס העלפן אויך אין אַ גאַנץ ברייטער מאָס מאַטעריעל און גייסטיק צוריק אויפצובויען אַ יידיש לעבן אין דער פאַר אונז חרוב־געוואָרענער אייראָפּע און צו אַנטוויקלען דעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע.

3. נאָך קיינמאָל פריער, ביז די לעצטע צוויי דורות, און שוין אוודאי און אוודאי ניט נאָך אַ גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, איז דאָס יידישע פאָלק ניט געווען אַזוי גרויס אין צאָל, ווי עס איז געבליבן, אַ דאַנק דעם פריערדיקן פאַרשפּרייטן זיך עבר־לים, נאָך דער שרעקלעכער היטלער־קאַטאַסטראָפע.

4. דער חורבן פון יידישן קיבוץ אין מזרח־ און מיטל־אייראָפּע איז ניט געווען אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס עס זאָלן אים האָבן פאַרפעלט אינערלעכע כוחות צום לעבן, נאָר בלויז פון אַן אויסערלעכן ברוטאַלן איבערפאַל פון אַ באַנדע ווילדע גזלנים. פאַרקערט, אין אייראָפּע און מעבר־לים האָבן די מזרח־אייראָפּעאישע יידישע באַפעלקערונג־מאַסן נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל שעפערישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע כוחות ווי גראָד אין די לעצטע צוויי דורות.

5. ניט געקוקט אויף געוויסע אויסנאַמען און אויף געוויסע ניט־געוואונטשענע פאָרמען, וואָס די דערשיינונג האָט אָפטמאָל אָנגענומען, האָט די היטלער־קאַטאַסטראָפע בדרך־הכלל ביי דער יידישער באַפעלקערונג, ווי ביי דער שארית הפליטה אין אייראָפּע אַזוי אויך מעבר־לים, פאַרשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, דעם ווילן צו בלייבן אַ יידיש

פאָלק און דעם באַוואוסטזיין פון דער נויטיקייט צו קעמפן פאַרן נאַ־ציאָנאַלן קיום.

6. די וועלט גייט מיט גיגאַנטישע טריט צום סאָציאַליזם, און אין דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג פאַרשווינדן די הויפּט־סיבות פון דעם שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט פאַרגיפטיקט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אין דער דעקאַדענץ־עפּאָכע פונם קאַ־פּיטאַליזם, און עס ווערן געשאַפן באַדינגונגען פון אמתן דעמאָקראַטיזם, ביי וועלכע יעדעס פאָלק קאָן פריי אַנטוויקלען זיינע שעפערישע כוחות און זיך פריי אויסלעבן אין זיין באַפרייטער נאַציאָנאַלער קולטור.

פון דעם אַלעם איז געדרונגען, אַז ווי ברייט און טיף עס זאָל ניט זיין אונזער חורבן אין אייראָפּע, ווי ראַדיקאַל עס זאָל ניט האָבן געווען די אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, ליטע, אוקראַינע, דייטשלאַנד, עסטרייך און אַנדערע מדינות, דאַרפן מיר פונדעסטוועגן ניט אַריינפאַלן אין יאוש און דעפעטיזם ניט בנוגע די מעגלעכקייטן פון ווייטערדיקן קיום פון אונזער פאָלק און ניט בנוגע די שעפערישע און רעטונג־מעגלעכקייטן פון אַזוי גערופענעם גלות.

געפאַרן:

נאָר אויב דער מצב פון אונזער פאָלק איז ווייט ניט אַזעלכער, אַז דער קאַמף פאַר זיין ווייטערדיקן קיום זאָל אין דער קלענסטער מאָס זיין אויסזיכטסלאָז, איז ער אָבער בשום אופן ניט געבליבן אויף אַזוי־פיל געזיכערט, אַז עס זאָל ניט נויטווענדיק זיין אַ כסדרדיקער, האַר־טער קאַמף פאַר דעם קיום זיינעם. מען מוז אָן אויפהער אין זינען האָבן די גרויסע געפאַרן, וואָס לויערן אויף אים אין פאַרשידענע לענ־דער:

1. די אויסראָטונגען האָבן געטראָפן בעיקר דאָס מזרח־אייראָ־פּעאישע יידנטום, ד״ה דעם נאַציאָנאַל, סאָציאַל און דעמאָגראַפיש גע־זינטסטן טייל פון אונזער פאָלק, יענעם טייל וואָס האָט געשאַפן אונזער מאָדערנעם רענעסאַנס אויף אַלע געביטן פון נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס איז באַשטאַנען אין אַזאַ גרויסער מאָס פון אַרבעטנדיקע שיכטן און געהאַט אויסגעבויט אַזעלכע הערלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און

וואָס דורך זיין געגוגנדיקער געבורטיקייט איז ער ביז ניט לאַנג צוריק געווען כמעט דער איינציקער קוואַל פונם ביאָלאָגישן קיום פון אונזער פאָלק.

2. דערביי זיינען אין אַ ריי לענדער, און דערונטער אויך אין פוילן, צוליב דער גלייכגילטיקער אָדער אָפּן פיינטלעכער האַלטונג פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג לגבי די יידן, באַזונדערס שטאַרק אומגעקומען גראָד די קינדער, ד״ה די צוקונפט פון אונזער פאָלק. דאָרטן ווידער, וואו די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט געהאָלפן ראַטעווען יידישע קינדער באַהאַלטנדיק זיי ביי זיך, איז אַ גרויסע צאָל פון זיי אויסגעהאָדעוועט געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין אַ ניט־יידישער סביבה און זיך סיסטעמאַטיש דערווייטערט פון אַלץ וואָס האָט געקענט וועקן אַ חשד פון זייער יידישן אָפּשטאַם, אַזוי אַז בלויז אַ טייל פון זיי וועט שפּעטער נאָך בלייבן ביים יידישן פאָלק. אונזער פאָלק וועט בכן מאָרגן באַשטיין אַפילו ניט פון אַלע קליינצאָליקע קינדער, וואָס מיר האָבן היינט.

3. שוין היינט באַטרעפן די יידן אין אַלע אָן אויסנאַם אייראָ־פּעאישע לענדער אַ נישטיקן פּראָצענט פון דער אָרטיקער באַפעלקע־רונג, אַזוי אַז לויט זייער צאָל קענען זיי דאָרטן אין ערגעץ מער קיין וויכטיקע פּאָליטישע ראָלע ניט שפּילן.

4. אין פוילן, אין דעם וויכטיקסטן צענטר פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן פאַר דער קאַטאַסטראָפע, איז העכער ניין צענטל פון דער יידישער באַפעלקערונג פּשוט אויסגעראָטן געוואָרן. דאָס קליין רעשטל און די אַנגעלאָפענע אַהין פון ראַטן־פאַרבאַנד האַלטן אויך אין איין צעלויפן זיך צוליב דער אַטמאָספער פון בירגער־קריג וואָס הערשט אין דער מדינה און צוליב דעם שרעקלעכן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט פאַרכאַפּט די ברייטסטע שיכטן פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג אַ דאַנק דער לאַנגער היטלערישער ממשלה און דער זעלביקער אַטמאָספער פון בירגער־קריג. מען קען זיך דאָ קיין אילוזיעס ניט מאַכן: אונזער חורבן אין פוילן איז אַ פולשטענדיקער.

5. די לאַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד איז איינגעהילט אין אַ דיקן נעפּל. מיר האָבן אַפילו ניט קיין בערכדיקן באַגריף וועגן דער צאָל יידן, וואָס זיינען דאָרט געבליבן, ניט וועגן זייער פאַרטיילונג איבער

דעם ברייטן שטח פון דער קאָלאָסאַלער מלוכה און ניט וועגן זייער יידישקייט. נאָר אָט דער נעפּל גופא איז שרעקלעך באַאומרואיקנדיק. וואָלטן דאָרטן געבליבן מיליאָנען יידן, וואָלט דאָרטן געשפּרודלט אַ נאַציאָנאַל־יידיש לעבן, וואָלט זיך דאָס געלאָזט הערן און געלאָזט פילן. און דאָס לויפן פון ראַטן־פאַרבאַנד, דער מאַטעריעלער צושטאַנד פון די אַנטלאָפענע און זייער שטימונג זיינען גאָר ניט קיין פרייליכע סימנים פון די באַדינגונגען פון דאָרטיקן יידישן לעבן. זייער אַ גרויסער טייל, אויב ניט דער ווייט־גרעסטער טייל, פון די יידישע קיבוצים אין אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און די באַלטישע לענדער איז אָן שום ספק אויסגעראָט געוואָרן; און די צווייטע און צעשפּרייטע איבערגעבליבענע, ביי דער אַנטשיידן־פיינטלעכער איינשטעלונג צום אַנטיסעמיטיזם מצד די דעצידירנדיקע מלוכה־פאַקטאָרן, האַלטן אין ראַשן אַסימילירן זיך און וועלן בלי־ספק זיך ווייטער אַסימילירן אַזוי לאַנג, ווי עס וועט אָנהאַלטן דער דיקטאַטאָרישער רעזשים, וואָס פּענטעט יעדע פרייע איניציאַטיוו אויפן געביט פון ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט אאַז״וו, און וואָס גיט דורך דעם ממילא ניט די מעגלעכקייט פון פרייער נאַציאָנאַלער שאַפונג.

6. אין רומעניע און אונגאַרן, וואו עס געפינען זיך איצט די באַדייטנדיקסטע יידישע קיבוצים אין איראָפּע, זיינען די באַדינגונגען און די געפאַרן — אַ געמיש פון דעם, וואָס מיר זעען אין פּוילן פון איין זייט און אין ראַטן־פאַרבאַנד פון דער אַנדערער, אָבער מיט דעם וויכטיקן אונטערשיד, וואָס די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג האָט ניט די גרויסע נאַציאָנאַל־ און סאָציאַל־שעפערישע טראַדיציעס פון די יידישע קיבוצים אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

7. עס זיינען צוריק אויפגעשטאַנען און עס פאַרפעסטיקן זיך די יידישע קיבוצים אין מערב־איראָפּע און בעיקר אין פראַנקרייך. אָבער אַפילו בנוגע פראַנקרייך מוז מען נעמען אין אַכט, פון איין זייט, דעם פאַקט, וואָס די אָרטיקע נאַציאָנאַל־איינהייטלעכע באַפעלקערונג און דערונטער אויך דער סאָציאַליסטישער טייל אירער, איז פיינטלעך געשטימט צו יעדן פּרואוו פון שאַפן אַ „נאַציאָנאַלע מינדערהייט" אויף דער פראַנצויזישער ערד, און באַציט זיך דעריבער מיט אומצוטרוי אויך צו דער אַנטוויקלונג אין פראַנקרייך פון אַ ספּעציעל־

יידישער נאַציאָנאַלער קולטור; פון דער אַנדער זייט ווידער, האָט די גרויסאַרטיקע פראַנצויזישע קולטור פאַר אַלע איינוואוינער פון לאַנד — און דערונטער אויך אויף דעם יונגן דור פון די איינגעוואַנדערטע יידן — אַזאַ שטאַרקע צוציאונגס־קראַפט, אַז זיי ווערן ראַש אַסי־מילירט.

8. דער פיל־מיליאָניקער יידישער קיבוץ אין צפון־אַמעריקע קען בלי־ספק ווערן דער וויכטיקסטער שטיצפונקט פון אונזער צוקונפט אין משך פון די נאָנטסטע יאָרן סיי לויט זיין צאָל, סיי לויט זיין קאָנצענ־טרירטקייט, סיי לויט זיינע עקאָנאָמישע קרעפטן, סיי לויט זיין פּאָלי־טישן געוויכט אין לאַנד, סיי לויט זיין סאָציאַלן בוי, וואו עס דאָמינירן אַרבעטנדיקע עלעמענטן, אין אַ שטאַרקער מאָס פאַראייניקטע אין מעכטיקע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. — אויב אַדאַנק דעם שיינט דער אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע צו זיין פאַר אונז אַ קנאַפּע רעאַלע געפאַר, קען מען אָבער אין אַמעריקע אויך זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם כלומרשט „נאַטירלעכן גאַנג פון די געשעענישן" און לאָזן גיין ווי עס גייט, מחמת דאָס אינטענסיווע אַמעריקאַנישע לעבן איז געוויס אַן אומגעהוירער פאַקטאָר פון אַסימילאַציע און יידישער דענאַציאָנאַ־ליזאַציע.

9. די קלענערע יידישע קיבוצים אין דרום־ און צענטראַל־אַמעריקע און אין דרום־אַפריקע זיינען דורך דער אַרומיקער ניט־יידישער סביבה וויניקער אויסגעשטעלט אויף אַסימילאַציע און ווייזן אויך פּאַקטיש אַרויס אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסן נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין, איניציאַטיוו, ענערגיע און שעפערישקייט. אָבער צוליב דער קליינער אַבסאָלוטער צאָל יידן, וואָס יעדערער פון זיי קאָנצענטרירט אין זיך, איז זייער דויערנדיקער קיום ווייט ניט געזיכערט, אויב זיי זאָלן בלייבן אָנגעוויזן נאָר אויף זייערע אייגענע כוחות.

10. דער ישוב אין פּאַלעסטינע, אַ דאַנק דער באַדייטנדיקער אַבסאָלוטער צאָל יידן, וואָס ער קאָנצענטרירט אין זיך, אַ דאַנק דעם הויכן פּראָצענט וואָס די יידן באַטרעפן צווישן דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג פון דער מדינה, אַ דאַנק זייער הויכער קולטורעלער מדרגה אין פאַרגלייך מיט דער אָרטיקער ניט־יידישער באַפעלקערונג, אַ דאַנק זייער שטאַרקן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, זייערע וויכטיקע עקאָנאָמישע

רעאַליזירונגען, זייערע מוסטערהאַפטע סאָציאַלע איינריכטונגען און זייערע נאַצאָנאַל ־קולטורעלע דערגרייכונגען, וואָלט קענען שפּילן אַ זייער וויכטיקע ראָלע אין קאַמף פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום. אָבער דער פּאַלעסטינער ישוב, אַפילו נאָך זיין ראַשן וואוקס אין די היטלער־יאָרן און אַלע אויסראָטונגען אין אייראָפּע, נעמט אַרום נאָר אַ גאָר קליינעם פּראָצענט פון יידישן פאָלק (ווייניקער פון 6 פּראָצענט ביז היינט צו טאָג). אַחוץ דעם, ווערט זיין ווירקונג אויף דעם נאַציאָנאַלן יידישן קיום אויסער פּאַלעסטינע אָפּגעשוואַכט דורך דער העברעאישער מחיצה, וואָס מ׳האָט איינגעשטעלט צווישן אים און די ברייטע פאָלקס־מאַסן אין דעם אַזוי־גערופענעם גלות. נאָר בעיקר דער פאַקט, וואָס דער גאַנצער ישוב ווערט געבויט אונטער דער פאָן פון שאַפן אַ יידישע מלוכה, האָט אויסגעגראָבן אַ תהום צווישן דער יידישער און דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע גופא און אין די אַרומיקע לענדער; האָט פאַרסמט מיט שאָוויניזם, מיט ביטול צום קיום פון יידישן פאָלק אין אַזוי־גערופענעם גלות און מיט פּאָליטישן אַוואַנ־טוריזם די הערצער און מוחות פונם יונגן דור; שטעלט אין אַ שרעק־לעכע געפאַר די פּשוטע פיזישע עקזיסטענץ פונם יידישן ישוב; האָ־מעוועט זיין נאַטירלעכע אַנטוויקלונג, וואָס אָן דער יידישער מלוכה־פאָן וואָלט פאַר דעם אַראַבישן פאָלק געווען דורכאויס נוצלעך; קען ביי די אָנגעשטרענגטע אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען שטערן דעם וועלט־שלום אין דעם נעוראַלגישן פּונקט פון נאָענטן מזרח, בעת אַ נייע וועלט־מלחמה וואָלט באַטייט די ערגסטע קאַטאַסטראָפע פאַרן יידישן פאָלק.

דער אויספיר:

1. נאָך אַלע אויסראָטונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע איז אונזער נאַציאָנאַלער קיום בשום אופן ניט פאַרמשפּט דורך דער געשיכטע, און דאָס קודם כל אַדאַנק די נייע קאָנצענטרירטע יידישע ישובים מעבר־לים, צו וועלכע עס גייט איצט איבער די פירנדיקע ראָל אין יידישן לעבן און די עיקרדיקע אַחריות פאַרן ווייטערדיקן קיום פון יידישן פאָלק.

2. דער קיום פון יידישן פאָלק איז אָבער אין ערגעץ ניט אויף אַזויפיל געזיכערט אַז מיר זאָלן וועגן אים זיך ניט קימערן. פאַרקערט, צוליב די פאַרשידנאַרטיקע געפאַרן וואָס לויערן אויף אים מוז זיין קיום אומעטום, דורך טאָג־טעגלעכער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט כסדר אויסגעקעמפט ווערן.

3. פון בעיקר אַן אייראָפּעאישן פאָלק זיינען די יידן געוואָרן בעיקר אַן אַמעריקאַניש פאָלק. אייראָפּע האָט דורך די מאַסן־אויס־ראָטונגען פאַרלוירן די פירערשאַפט פון יידנטום, וואָס האָט איר גע־האָט געהערט אין משך פון אַ יאָר־טויזנט. ספּעציעל אין אייראָפּע וועלן מיר מוזן פירן אַ שווערן טאָג־טעגלעכן קאַמף, ניט צעברעקלענדיק אַן אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט אונזערע שרעקלעך אָפּגעשוואַכטע כוחות, כדי אויפצוהאַלטן אונזער נאַציאָנאַלן קיום.

געוויס, פאַר אונז מזרח־אייראָפּעאישע יידן איז אַ גרויסע טראַגע־דיע, וואָס דער גייסטיקער לייכט־טורעם, וועלכער האָט דאָרטן געלויכטן פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק אין משך פון די לעצטע יאָרהונדערטער, וועט שוין לכל הדעות מער אָט די באַדייטונג אין יידישן לעבן ניט האָבן. אָבער דער נר־תמיד פון אונזער פאָלק ווערט דורכדעם ניט אויסגע־לאָשן: ווי דאָס האָט שוין ניט איין מאָל פּאַסירט אין אונזער טויזנט־יאָריקער געשיכטע, ווערט ער בלויז אַריבערגעטראָגן אין אַנדערע מקומות. און אַז ער זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן, איז דאָך דאָס וויכ־טיקסטע, דער עיקר כל העיקרים.

## ב. — די היסטאָרישע באַרעכטיקונג, די מעגלעכקייטן און דער כאַראַקטער פון „בונד" אין דער נייער תקופה

א. דער פאַקט, וואָס נאָך אַלע אויסראָטונגען בלייבט די ווייט־גרעסטע מערהייט פון יידישן פאָלק, און מוז יעדנפאַלס אין משך פון לאַנגע דורות בלייבן, אין דעם אַזוי גערופענעם גלות; וואָס עס קומט אויס דאָרטן צו פירן אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר די אינדיווידועלע רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג און פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום, און וואָס דער דאָזיקער קאַמף קען מיט דערפאָלג געפירט ווערן בלויז אין פאַרבינדונג מיטן אַלגעמיינעם קאַמף פון דער אונטערדריקטער

מענטשהייט פאַר אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע אָרדענונג, באַרעכ־טיקט די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דער בונדישער באַוועגונג און מאַכט פון איר אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט פאַר די אַרבעטנדיקע יידישע פאָלקס־מאַסן.

ב. עס איז אָבער קלאָר, אַז דער „בונד", אַזוי ווי ער האָט עק־זיסטירט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז איצט שוין אַ היסטאָ־רישע אוממעגלעכקייט, און דאָס ניט נאָר דערפאַר ווייל ביי אַ רעזשים פון דיקטאַטור, ווי דאָס איז דער פאַל אין פוילן און אין די אַרומיקע לענדער, קען אַ זעלבשטענדיקער „בונד", אפילו אַ קאָמבונד, זיין בלויז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, נאָר אויך צוליב אַנדערע אויסערסט־וויכטיקע אַלגעמיינע סיבות:

1. אומעטום אין דער וועלט, אַחוץ די מזרח־שטאַטן פון צפון־אַמעריקע און פאַלעסטינע, זיינען די יידן בכלל דאָך אַ נישטיקער פּראָ־צענט פון דער באַפעלקערונג פון דער מדינה, אַזוי אַז זיי קענען אין ערגעץ מער ניט זיין אַ פיל־וויכטיקער וויכטיקער פּאָליטישער פאַקטאָר, אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פאַקטאָר; אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי פונם בונדיסטיש געשטימטן טייל פון די אַרבעטנדיקע עלעמענטן ביי יידן קען שוין ממילא זיין בלויז אַ פּאָליטיש מפיל־קינד; אויף דעם אַלגעמיין־פּאָליטישן געביט אין לענדער מיט אַ קאָנצענטרירטער יידי־שער באַפעלקערונג קענען די בונדישע עלעמענטן בילדן בלויז אַן אויטאָנאָמע סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי.

2. דער סאָציאַלער יסוד פון „בונד" איז ביז דער מלחמה געווען דער קלאַס פון לוין־אַרבעטער, וואָס האָט דורך זיין אָרגאַניזירטקייט און קעמפערישן דינאַמיזם קאָנצענטרירט אַרום זיך אויך אַנדערע האָרעפּאַשנע עלעמענטן. אָבער די מאַסן־אויסראָטונגען און דער עקאָ־נאָמישער חורבן, וואָס דער היטלעריזם און די מלחמה האָבן געבראַכט מיט זיך, האָבן צעשטערט אָט דעם סאָציאַלן יסוד פון „בונד" אין איי־ראָפּע: דער אָן אַן ערך גרעסטער טייל פון די יידישע לוין־אַרבעטער איז אומגעקומען אין דער אַלגעמיינער קאַטאַסטראָפע; פון דער שארית הפליטה איז אַ טייל געוואָרן זעלבשטענדיקע אָדער האַלב־זעלב־שטענדיקע בעלי־מלאכות; אַ טייל איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין גרע־סערע מלוכה־אונטערנעמונגען, וואו זיי ווערן בטל בשישים צווישן די

ניט־יידישע אַרבעטער און אַ טייל זיינען געוואָרן סתם לופט־מענטשן. בלויז אויף לוין־אַרבעטער קען דער „בונד" זיך מער ניט באַזירן. ער מוז זיך שטיצן אויף אַלע יידישע פיזיש און גייסטיק אַרבעטנדיקע עלעמענטן.

3. ביי די שרעקלעך אָפּגעשוואַכטע כוחות פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אייראָפּע איז בכלל דער לעבנס־געבאָט פון אונזער צייט אויף אַלע געביטן פון אונזער טעטיקייט די מעגלעכסט־גרעסטע קאָנצענ־טראַציע פון די כוחות. אין איינצל געזומען, אין אידעאָלאָגישער הינ־זיכט, דאַרפן אונזערע אָרגאַניזאַציעס לייגן דעם טראָפּ ניט אויף דאָס, וואָס צעטיילט די יידישע אַרבעטס־מענטשן, נאָר וואָס פאַראייניקט זיי, און אַריינגעמען אין זיך אַלע סאָציאַלע עלעמענטן וואָס שטייען פאַר סאָציאַליזם, דעמאָקראַטיע און נאַציאָנאַלן קיום פון יידישן פאָלק.

4. אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַלע יידישע האָרעפּאַשניקעס איז מעגלעך דערפאַר, ווייל די אַלגעמיינע היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון די לעצטע צוויי דורות און באַזונדערס דער 50־יאָריקער קאַמף פון „בונד" אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן האָט ביי די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אויסגעפורעמט אַזאַ סאָציאַלע געזינונג און קאָלעקטיווע טראַדיציעס און דורכגעדרונגען זיי מיט אַזאַ דעמאָקראַטישן, סאָציאַליסטישן גייסט און נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס לעבט אַפילו נאָך דער קאַטאַסטראָפע אין די הערצער און מוחות פון די יידישע פאָלקס־מענטשן אויף ביידע זייטן אַטלאַנטישן אָקעאַן און שטעלט מיט זיך פאָר אַ סאָציאַל־פּראָגרעסיוון און נאַציאָנאַל־שעפערישן כוח.

5. מיט דעם וואָס איז פעסטגעשטעלט אין פונקט 2 איז אויך געזאָגט, אַז די מעטאָדן פון פּראָפּאַגאַנדע און די אָרגאַניזאַציע־פאָרמען פון „בונד" מוזן אויך געענדערט ווערן: אויב פאַר דער מלחמה האָט דער „בונד" זיך געשטיצט בעיקר אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די לוין־אַרבעטער און אויף זייער טאָג־טעגלעכן עקאָנאָמישן קאַמף און איז געווען געבויט לויט די פאַכן, מוז איצט די אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צוגעפּאַסט ווערן צום קאַמף פון די ברייטערע יידישע פאָלקס־מאַסן פאַר זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן און פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום.

6. שוין פאַר דער מלחמה, אין זעלבשטענדיקן פּוילן, האָט די קולטור־אַרבעט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער טעטיקייט פון „בונד"; סאָציאַלע הילף און עקאָנאָמישער אויפבוי האָט אינטע־רעסירט פּריוואַט געוויסע חברים און ניט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. מחמת דעם אָבער וואָס דורך דעם גרויסן חורבן איז דער קאַמף פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום פאַר אונז געוואָרן אַ דירעקטע לעבנס־נויט־ווענדיקייט, מוזן איצט די קולטור־אַרבעט ווי אויך די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע הילף פאַר פּליטים און זייער גלייכן, די שטרעבונגען צו עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע און עקאָנאָמישער סאַנירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרנעמען דעם אויבנאַן אין אונזער טע־טיקייט.

7. אינם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, דעמאָקראַטיע און אונזער נאַ־ציאָנאַלן קיום מוזן די יידישע פאָלקס־מאַסן גרייט זיין אויף פאַרשידענע אינדיווידועלע קרבנות. אונזער פּראָפּאַגאַנדע דאַרף דעריבער אַפּעלירן ניט בלויז צו די רעכט און אוממיטלבאַרע אינטערעסן פון די מאַסן, נאָר מער ווי פריער אויך צו זייערע פליכטן און אידעאַלן; זי מוז זיין נישט בלויז מאַטעריאַליסטיש, נאָר אויך אידעאַליסטיש (זי איז עס אייגנטלעך אַלעמאָל געווען, נאָר אַזוי צו זאָגן שעמעוודיקערהייט; איצט דאַרף זי עס זאָגן מיט קלאָרע ווערטער).

## ג. — וואָס קענען מיר אַנטקעגנשטעלן דער מיסטיק פון „מאָסקווע" און דער מיסטיק פון ציון?

1. זאָל מען ניט מיינען, אַז אַ סאָציאַלער מיסטיק קען מען פשוט אַנטקעגנשטעלן ראַציאָנאַליזם און סאָציאַלן רעאַליזם, אין איינצל גענו־מען, אַז דער קאָמוניסטישער אָדער דער ציוניסטישער מיסטיק קענען מיר אַנטקעגנשטעלן דאָס וואָס מיר זיינען כלומרשט מיושבדיקע, „פּראַקטישע" מענטשן, רעאַליסטן. מיסטיק באַציט זיך אויף דעם ווערט, וואָס מען לייגט אויף דעם ענד־ציל; רעאַליזם איז נוגע די וועגן, מיט וועלכע מען קען גיין צו אים. מען קען זיין באַהערשט דורך דער מיס־טיק פון מאָסקווע אָדער פון ציון, און זיין דערביי אַ ניכטערער רעאַ־ליסטישער פּאָליטיקער ביים אויסוואַל פון די מיטלען צו פאַרווירקלעכן

דעם געשטעלטן ציל. די מאַסן ווערן באַגייסטערט דורך דעם ענד־ציל; די קאָנקרעטע טאָג־טעגלעכע אַרבעט הענגט אָפּ פון די רעאַלע פּאָלי־טישע באַדינגונגען. אויך מיר זיינען ניט, און קענען ניט זיין, קיין הוילע רעאַל־פּאָליטיקער, וואָס זוכן די מאַסן מיט קיין מיסטיק ניט צו באַגייסטערן.

2. אין וואָס באַשטייט אונזער פּאַטאָס? וואָס באַגייסטערט אונז צום האַרטנעקיקן, שווערן קאַמף, דערהויפּט איצט נאָך דעם גרויסן חורבן? וואָס קענען מיר אַנטקעגנשטעלן די אַנדערע פּאָליטישע שטרע־מונגען ביי יידן? — דאָס איז ניט סתם דער סאָציאַליזם. דער סאָציאַ־ליזם אונזערער טיילט אונז אָפּ בלויז פון די בירגערלעכע ריכטונגען; אָבער סאָציאַליזם שטייט אויך אויף די פאָנען פון די קאָמוניסטן און די פאַרשידענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע ריכטונגען. דאָס איז אויך ניט אונזערער אַ הומאַניסטישער אָדער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם: אין פּרט פון רעוואָלוציאָנערישקייט קענען אונז די סטאַליניסטישע אָדער די טראָצקיסטישע קאָמוניסטן מסתמא אַריבערליצייטירן, און אין „בונד“ איז געווען און איז פאַראַן אַ פּלאַץ ווי פאַר הומאַניטאַרע, אַזוי אויך פאַר אַנדערע מינים סאָציאַליסטן. אויך דאָס קענען מיר ניט אַנט־קעגנשטעלן אַנדערע ריכטונגען, וואָס מיר זאָלן אונזער סאָציאַליזם פאַרבינדן דווקא מיט פּוילן; דאָס איז באַזונדערס ניט ריכטיק איצטער, נאָכן יידישן חורבן אין פּוילן; מיר זיינען ניט קיין ציוניסטן פון ארץ־ישראל, און אַוודאי און אַוודאי קענען מיר איצט ניט זיין קיין „ציוניסטן“ פון פּוילן.

3. בכלל ניט דאָס לאַנד איז ביי אונז דער עיקר, נאָר דאָס פאָלק. אונזער פּאַטאָס איז דאָס לעבעדיקע יידישע פאָלק, זיין קיום און אַנטוויקלונג. מיר גייען אַרויס פון דעם אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט, אַז די ווייט גרעסטע מערהייט פון יידישן פאָלק געפינט זיך און וועט יעדנפאַלס אין משך פון לאַנגע דורות בלייבן אין דעם אַזוי־גערופענעם גלות, און אַז דער קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום און אַנטוויקלונג מוז דעריבער געפירט ווערן בעיקר אין די לענדער פון אַזוי־גערופענעם גלות און קען מיט דערפאָלג אויסגעקעמפט ווערן נאָר אין פאַרבינדונג מיט דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם אין די זעלביקע לענדער. אונזער נאַציאָנאַלער קאַמף איז אויף אַזאַ אופן גלייכצייטיק אַ קאַמף

פאַרן סאָציאַליזם, און אונזער סאָציאַליזם איז גלייכצייטיק נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל. — דאָס איז דער עיקר פון בונדיזם; אַלץ אַנדערעס זיינען בלויז טפל־זאַכן, וואָס הענגען אָפּ פון די היסטאָרישע באַדינגונגען אין דעם אָדער יענעם לאַנד און פון דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגישער און אינטעלעקטועלער איינשטעלונג פון דעם אָדער יענעם חבר.

צווייטער טייל:

## אונזערע פּראַקטישע אויפגאַבן

### א. — אויפן פּאָליטישן געביט

1. אַלע אונזערע חברים דאַרפן אומעטום זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פונם לאַנד.

2. כדי אָם בעסטן צו געווינען די יידישע פאָלקס־מאַסן פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און כדי ווירקזאַמער צו פאַרטיידיקן זייערע ספּעציפישע אינטערעסן (צ. ב. בנוגע רעפּאַטריאַציע, איינ־ און אויסוואַנדערונג, נאַטוראַליזאַציע, קריגס־אַנטשעדיקונג, שול־וועזן, קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אד״גל) דורך דער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי, דאַרפן אונזערע חברים אין יעדן ראַיאָן אַריינגיין אין די סאָציאַליסטישע ראַיאָן־אָרגאַניזאַציעס ווי אַן אָרגאַניזירטע בונדישע פאַראייניקונג (סעקציע) און אַלע בונדישע סעקציעס דאַרפן אַריינגיין אין דער לאַנד־פּאַרטיי ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויטאָנאָם אין פראַגן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

3. דער אַלגעמיין־פּאָליטישער פּראָגראַם פון דער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי איז אויך מחיב די בונדישע סעקציעס פון דער פּאַרטיי.

4. אין די ראַמען פון די אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע פרייהייטן נעמען אונזערע סעקציעס אויף זיך די איניציאַטיוו פון גרינדן יידישע נאַציאָנאַלע קהילות; זיי נעמען אין זיי אַן אַקטיוון אָנטייל דאָרטן, וואו אַזעלכע קהילות ווערן שוין עקזיסטירן, און שאַפן דערנאָך אין יעדן לאַנד אַ פאַרבאַנד פון די יידישע נאַציאָנאַלע קהילות.

די קהילות דאַרפֿן זיך פֿאַרנעמען מיט די ספּעציפֿישע באַדער־פֿענישן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אויפֿן געביט פֿון קולטור און דערציאונג, פֿון סאָציאַלער הילף, פֿון עקאָנאָמישער און דעמאָגראַפֿישער רעקאָנסטרוקציע אד״גל.

5. דאָרטן וואו די צאָל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג און דער בוי פֿון דער מלוכה מאַכט עס מעגלעך, דאַרף דער פֿאַרבאַנד פֿון די נאַציאָנאַלע קהילות אָנערקענט ווערן פֿון דער מלוכה פֿאַר דעם פֿאָרשטייער פֿון די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן אין געגעבענעם לאַנד, וועלכער איז אויטאָנאָם אין זיין טעטיקייט־קרייז.

## ב. — אויפֿן עקאָנאָמישן געביט

1. אַלע אונזערע חברים לוין־אַרבעטער דאַרפֿן זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דער סינדיקאַלער באַוועגונג פֿונם לאַנד.

2. מיר דאַרפֿן וועקן און אַנטוויקלען ביי די יידישע פֿאָלקס־מאַסן פֿאַרשטענדעניש פֿאַר קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. מיר דאַרפֿן זיי אַריינציען אין דער אַלגעמיינער (אָנסום) קאָאָפּעראַציע; מיר דאַרפֿן נעמען די איניציאַטיוו פֿון גרינדן יידישע קאָאָפּעראַטיווע פֿאַראיינען אויפֿן געביט פֿון פּראָדוקציע (פּראָדוציר־פֿאַראיינען), פֿון קרעדיט (פֿאָלקס־בענק, ליי־ און שפּאָר־קאַסעס) און פֿון סחורות־אויסטויש (בשותפֿותדיקער איינקויף פֿון געצייג און רוי־מאַטעריאַלן, בשותפֿי־שער פֿאַרקויף פֿון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן און אַנדערע סחורות אד״גל), אַקטיוו זיך באַטייליקן אין אַזעלכע פֿאַראיינען און אַנטוויק־לען אין זיי אַן אַלגעמיין־סאָציאַליסטישע און ספּעציפֿיש־בונדישע אידעאָלאָגיע. — להיפּוך צו די פֿאַרשפּרייטע פֿאָראורטיילן זיינען פֿאַר דעם יידישן אַרבעטסמאַן, וואָס איז באַשעפֿטיקט בעיקר אין קליין־אינדוסטריע, די פֿאַרשידענע מינים קאָאָפּעראַטיוון באַזונדערס וויכטיק. פֿאַר אונזער באַוועגונג אין דער נייער תקופֿה קענען זיי האָבן אַ באַ־דייטונג ביז אַ געוויסן גראַד אַן ענלעכע צו דער, וואָס עס האָבן אַמאָל געהאַט די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען.

3. מיר דאַרפֿן זיך בכלל אַקטיוו באַטייליקן אין דער אַרבעט פֿון עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע צווישן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן,

שטרעבנדיק דערביי צו דערווייטערן זיי פון לופט־פרנסות און צוציען צו קוואַליפיצירטער אַרבעט, אָבער ניט שטופנדיק זיי אויף אַ קינסט־לעכן אופן דווקא אין גרויס־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

## ג. — אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף

1. אין דער צייט פון דער מלחמה און איצטיקן נאָך־מלחמה־פעריאָד איז די סאָציאַלע הילף געוואָרן אַ וויכטיקער צווייג פון אונזער אַרבעט. די דאָזיקע אַרבעט מוז ווייטער פאַרגעזעצט ווערן, אָדער זעלבשטענדיק דורך אונזערע אָרגאַניזאַציעס, אָדער אין די ראַמען פון די נאַציאָנאַלע קהילות, ווען זיי וועלן שוין עקזיסטירן.

2. באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט מוז געלייגט ווערן אויף דער רעטונג פון אונזערע קינדער: דאָס ביסל קינדער, וואָס זיינען אונז געבליבן, זיינען אונזער צוקונפט, פון זיי הענגט אָפּ אונזער נאַציאָנאַלער קיום, און זיי מוזן אָפּגעהיט ווערן פון פיזישן, גייסטיקן, סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, און טאָרן בשום אופן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אָביעקט פון ריזיקאַלישע פּאָליטישע ספּעקולאַציעס.

## ד. — אויפן קולטור־געביט

1. די אַלגעמיין־מענטשלעכע, סאָציאַליסטישע און יידיש־נאַ־ציאָנאַלע דערציאונג פון אונזערע קינדער מוז איצט פאַרנעמען איינעם פון די ערשטע פּלעצער אין אונזער טעטיקייט אין די קהילות און אויסער זיי. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט מוז דערביי געלייגט ווערן אויף די קינדער, וואָס האָבן אין דער קאַטאַסטראָפע פאַרלאָרן זייערע עלטערן: זיי מוזן געראַטעוועט ווערן ניט בלויז פיזיש, נאָר אויך פאַר אונזער פאָלק און פאַרן סאָציאַליזם; מען טאָר זיי ניט איבערלאָזן אויפן באַראָט פון ניט־יידישע אָדער אַסימילירטע מענטשן־פריינד אָדער פון יידישע רעאַקציאָנערע פאָלקס־פאַרזאָרגערס.

2. די יידישע גייסטיקע קולטור (ליטעראַטור, קונסט, וויסנ־שאַפט, פאָלקלאָר אאַז״וו), דאַרף דורך אונז ענערגיש געשטיצט ווערן.

3. צו אָט דיביידע צוועקן (דערציונג און קולטור) דאַרף גע־גרינדעט און אויסגעברייטערט ווערן וואו נאָר מעגלעך אַ נעץ פון אַל־

געמיינע, פון דער מלוכה אָנערקענטע יידישע שולן, אָדער לפחות יידי־שע צוגאָב־שולן, פון פאַרשידענע מדרגות, ווי אויך ביבליאָטעקן, פאַר־לאַגן אד״גל. אונזערע שולן דאַרפן זיין, לויט דעם גרויסאַרטיקן מוסטער פון די ציש״אָ־שולן אין פוילן, פּעדאַגאָגיש־פּראָגרעסיווע, וועלטלעכע און דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון סאָציאַלן יושר, פעלקער־פאַרברי־דערונג, ליבשאַפט צו אונזער פאָלק און אַנטשלאָסענעם ווילן ווייטער אויפצוהאַלטן און אַנטוויקלען זיינע שעפערישע כוחות. די אונטעריכט־שפּראַך אין אונזערע שולן דאַרף נאַטירלעך זיין יידיש.

4. כדי אויפצוהאַלטן אַן אינערלעכן אָרגאַנישן צוזאַמענבונד מיט די גרויסע קולטור־ווערטן, וואָס אונזער פאָלק האָט געשאַפן אין זיין טויזנט־יאָריקער פאַרגאַנגענהייט, און וואָס בלייבן אַ נויטווענדיקער און רייכער גייסטיקער קוואַל ניט אויסצושעפּן פאַר זיין ווייטערדיקן נאַציאָנאַלן לעבן און שאַפן; כדי צו פאַרטיפן די קענטניש פון יידיש גופא און די פאַרשטענדניש פון דער קולטור און ליטעראַטור אין יידיש, און אויך כדי עס זאָל ניט איבערגעריסן ווערן דער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט דעם יידישן ישוב אין פאַלעסטינע, דאַרף וואו מעגלעך אין אונזערע שולן געלערנט ווערן העברעאיש. דער לימוד פון העב־רעאיש דאַרף אָבער בשום אופן ניט פאַרקומען אויפן חשבון פון יידיש און דאַרף זיך אָנפאַנגען ערשט אין די העכערע קלאַסן פון אונזערע פאָלקס־שולן.

5. מיר דאַרפן רעדן, לייענען און שרייבן יידיש סיי אין געזעל־שאַפטלעכן סיי אין פּריוואַטן לעבן. ספּעציעל דייטש, וואָס האָט ביז איצט געהערשט אויף כל המינים יידישע (ניט־בונדישע) אינטערנאַ־ציאָנאַלע און ניט אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן, פאַר־זאַמלונגען אד״גל, מוז פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרטריבן ווערן און וואו נאָר מעגלעך פאַרביטן ווערן דורך יידיש. מיר באַנוצן זיך אָבער אין אונזער טעטיקייט מיט דער לאַנד־שפּראַך דאָרטן, וואו יידיש קען ניט ווערן געברויכט.

6. רעליגיע איז בכלל אַ פּריוואַט־זאַך. באַקעמפנדיק כל־המינים מיסברויכן מיט רעליגיע מצד דעם קלער און די הערשנדיקע קלאַסן, און ניט אָנערקענענדיק דעם מאָנאָפּאָל פון קלער די רעליגיע אויסצו־

טייטשן, באַקעמפן מיר אָבער ניט די רעליגיע אַלס אַזעלכע. — מיר באַקעמפן בפרט ניט די יידישע רעליגיע, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אונזערע גרעסטע קולטורעלע אוצרות פון ערשט־קלאַסיקער וועלט־היסטאָרישער באַדייטונג אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז אומצע־רייסבאַר דורכגעפלאָכטן מיט אונזער געשיכטע און פאָלקלאָר און וואָס אונזער געשיכטע און פאָלקלאָר זיינען דורכגעפלאָכטן מיט איר, וואָס איז אין משך פון טויזנטער יאָרן געווען דער שוץ־מויער פון אונזער נאַציאָנאַלן קיום, און וואָס שפּילט נאָך איצטער די זעלביקע ראָל ביי ברייטע שיכטן פון לעבן־געבליבענעם יידישן פאָלק.

## ה. — אויפֿן דעמאָגראַפֿישן געביט

1. נאָך דער פיזישער מאַסן־אויסראָטונג פון דעם אייראָפּעאישן יידנטום איז אָבער די פראַגע פון אונזער נאַציאָנאַלן קיום קודם־כל אַ באַפעלקערונג־פראַגע. מיר דאַרפן דעריבער סטימולירן די וויסנ־שאַפטלעכע אויספאָרשונג פון אונזער דעמאָגראַפיע און ברייט אויפ־קלערן די מאַסן, וואו מיר האַלטן אין דער הינזיכט, און וואָס דאַרף אויף דעם געביט געטאָן ווערן. עס מוז געהויבן ווערן ביי יידן די גע־בורטיקייט, מחמת אָן דעם שטייען מיר פאַר אַ פיזישן פולשטענדיקן אונטערגאַנג. כדי אויפצוהויבן די געבורטיקייט, פאָדערן זיך פאַרשי־דענע אינדיווידועלע קרבנות און גרויסע קאָלעקטיווע מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען מצד די יידישע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע כוחות, ספּעציעל מצד די קהילות. גלייכצייטיק דאַרף אין פולער מאָס אויסגע־נוצט ווערן די אַלגעמיינע הילף פון דער מלוכה אין יענע לענדער, וואו די מלוכה פירט אַ פּאָליטיק פון דעמאָגראַפישער רעקאָנסטרוקציע.

2. ביי די פאַרשידענע פּלענער פון עקאָנאָמישן ווידעראויפבוי דאַרף מען בשום אופן ניט באַגינסטיקן די צעשפּליטערונג פון די רעשטן יידישער באַפעלקערונג, נאָר מען דאַרף פאַרקערט אין יעדן לאַנד שטרעבן זיי צו קאָנצענטרירן אין קאָמפּאַקטע מאַסן. דערביי איז וויכטיק ניט בלויז די טעריטאָריעלע קאָנצענטראַציע (אין געוויסע שטעט, ראַיאָנען אד״גל), נאָר — להיפּוך צו דער פאַרשפּרייטער פאַר־קערטער מיינונג — אויך די עקאָנאָמישע קאָנצענטראַציע (אין געוויסע פאַכן, בראַנזשן, פאַבריקן אאַז״וו). — ווי מיר האָבן עס שוין אויבן

באַמערקט, איז ביי דער צעשפּרייטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איבער פאַרשידענע לענדער, די קאָנצענטראַציע אירע אין יעדן לאַנד במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער געווען איינס פון די ווירקזאַמסטע אינסטינקטיווע מיטלען אין קאַמף פון אונזער פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום.

3. אונזערע סעקציעס דאַרפן אומעטום פירן אַ סיסטעמאַטישע קאַמפּאַניע פאַר דער איינוואַנדערונג־פרייהייט, ספּעציעל קעגן אָפענע אָדער פאַרמאַסקירטע דיסקרימינאַציעס אויפן געביט פון איינוואַנדערונג לויט דער נאַציאָנאַליטעט, ראַסע, רעליגיע אָדער מלוכה־אָנגעהעריקייט. עס דאַרף באַזונדערס געפאָדערט ווערן דאָס רעכט אויף פרייע איינוואַנדערונג און אויף אַרבעט פאַר אַלע דירעקטע און אומדירעקטע קרבנות פון היטלעריזם און פאַשיזם.

## ז. — בנוגע פּאַלעסטינע

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דער ספּעציעלער פּלאַץ פון פּאַלעסטינע אין דער יידן־פראַגע און די האַלטונג פונם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע ווירקן ניט בלויז אויפן גורל פון דעם פּאַלעסטינער ישוב אַליין, נאָר אויך אויפן לעבן און קאַמף פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַנדערע לענדער און אויף די אינטערנאַציאָנאַלע פּרוּוון צו לייזן די יידן־פראַגע, מוזן די אָרגאַניזירטע יידישע פאָלקס־מאַסן אויך אויסער פּאַלעסטינע געענוי פאָרמולירן זייער באַציאונג צו די וויכטיקסטע פראַגן, וואָס עס רופט אַרויס דער קעגנוואַרטיקער פּאַלעסטינער ישוב. אַזאַ פאָרמולירונג וועט אויך מיטהעלפן אונזערע חברים, וואָס דאָס לעבן האָט זיי געבראַכט אין פּאַלעסטינע, אויסצואַרבעטן זייערע ריכט־ליניעס אין די פאַרשידענע קאָנקרעטע פראַגן פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זייער נייער היים.

1. אין הסכם מיט דעם, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן וועגן פּאַלעסטינער ישוב (ערשטער טייל, ב, 10), מוזן מיר אָנערקענען און אויפקלערן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אַז:

א) אַ יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע איז בשום אופן ניט קיין לייזונג פון דער יידן־פראַגע, מחמת די ווייט גרעסטע מערהייט פון יידישן פאָלק בלייבט און מוז בלייבן אויסער פּאַלעסטינע.

ב) אַזאַ מלוכה וואָלט נאָך שטאַרק פאַרפּלאָנטערן די דאָזיקע פראַגע, און מסתמא נאָך פאַרערגערן די אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע לאַגע פון די יידן אין אַנדערע לענדער, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין אויס־לענדישע בירגער אָדער אין אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ פרעמדער מלוכה.

ג) אַ יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע, און באַזונדערס נאָך אין אַ חלק פון פּאַלעסטינע, וואָס קען נאַטירלעך ניט צופרידנשטעלן ניט די יידן און ניט די אַראַבער, וואָלט געוואָרן אַ נעסט פון אינטערנאַציאָנאַלע אינטריגעס, פון מיליטערישע צוגרייטונגען און אין גאָר ניט קיין ווייטער צוקונפט מסתמא אויך פון מלחמה.

2. פאַר פּאַלעסטינע דאַרפן מיר פאָדערן:

א) פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט פון דער מדינה, געבויט אויף אַן אינערלעכער דעמאָקראַטישער אָרדענונג, וואָס זאָל זיין אָריענטירט אויפן סאָציאַליזם, ביי אַ קאָנסטיטוציאָנעל־אָנערקענטער און אינטערנאַציאָנאַל־גאַראַנטירטער קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון דער יידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג.

ב) פרייע איינוואַנדערונג, אָן נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע דיסקרימינאַציעס, וואָס דאַרף רעגולירט ווערן בלויז לויט די עקאָנאָמישע אויפנאַם־מעגלעכקייטן און די סאָציאַלע באַדינגונגען פון דער מדינה.

ג) גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן לגבי דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר אַלע אַרבעטס־מענטשן אָן שום נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע דיסקרימינאַציעס.

ד) צוזאַמענאַרבעט מיט די אַראַבער אויפן יסוד פון די אָנגעמערקטע דריי פונקטן.

ה) פולע רעכט פאַר יידיש, צוגלייך מיט העברעאיש, אין פּאָליטישן, סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן פון יידישן ישוב.

3. ווען פּאַלעסטינע זאָל טאַקע צעטיילט ווערן און עס זאָל געשאַפן ווערן אַ יידישע מלוכהלע אין אַ חלק פון פּאַלעסטינע, ווען אונזערע חברים דאַרפן אויסער דעם קעמפן אין דער יידישער פּאַלעסטינע, אַז זי זאָל ניט ווערן קיין געפאַר פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן

פרידן, און אין אַנדערע לענדער—פאַר די בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, ווי שווער אַזאַ קאַמף זאָל ניט זיין.

## ז. — אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציע

1. ביי דער שרעקלעכער אָפּגעשוואַכטקייט פון די יידישע כוחות אין יעדן לאַנד באַזונדער, איז דער דרינגענדיקער געבאָט פון היינטי־קער צייט, אַז די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פון פאַרשידענע לענדער זאָלן אין יידישע אַנגעלעגנהייטן קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט.

2. אַט די אינטער־עטאַטיסטישע קאָאָרדינאַציע דאַרף זיך באַציען:

א) אויפן געביט פון קולטור: אַרבעטער־פּרעסע, ליטעראַטור, שול־וועזן, פאָלקס־קונסט, געשיכטע, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג און פּאָפּולאַריזאַציע אד״גל.

ב) אויפן געביט פון עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע פון דעם חרוב געוואָרענעם יידישן לעבן.

ג) אויפן געביט פון עמיגראַציע און אימיגראַציע, וואָס זיינען לויט זייער נאַטור גופא אינטער־עטאַטיסטישע דערשיינונגען.

ד) אויפן געביט פון קאַמף קעגן פאַרשידענע רעאַקציאָנערע און אוטאָפּיסטישע שטרעמונגען אין יידנטום גופא.

ה) אויפן געביט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, כדי דאַרטן צו פאַרטרעטן די ספּעציפישע אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס און פון צעשפּרייטן יידישן פאָלק.

ו) אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום בכלל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יידן־פראַגע, און ספּעציעל אויפן געביט פון קאַמף קעגן אַנטיסע־מיטיזם, וואָס איז אין אונזער תקופה געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַל־אָרגאַניזירטע באַוועגונג און דאַרף אינטער־עטאַטיסטיש באַקעמפט ווערן.

ז) אויף אַנדערע מעגלעכע יידיש־נאַציאָנאַלע געביטן.

3. מיט דעם צוועק דאַרפן אונזערע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס זיך פאַראייניקן אין אַן אינטער־עטאַטיסטישע אַלגעמיינע פעדעראַציע פון די בונדישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, וואָס אירע אָרגאַנען דאַרפן זיין:

א) פּעריאָדישע און ניט פּעריאָדישע קאָנפערענצן.

ב) אַ שטענדיקער סעקרעטאַריאַט.

ג) טעכנישע אויספיר־אָרגאַנען ביים צענטראַלן סעקרעטאַריאַט, ווי למשל אַ פאַרלאַג, אַ פּרעסע־ביוראָ, אַ טעלעגראַף־אַגענץ וכדומה.

4. אַחוץ דער אַלגעמיינער פעדעראַציע קען אויך נוצלעך זיין צו גרינדן רעגיאָנעלע פאַראייניקונגען פון בונדישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס (למשל פון מיטל־אייראָפּע, פון מערב־אייראָפּע, פון דרום־אַמעריקע אד"גל).

5. פון דעם וואָס איז פריער געזאָגט איז קלאָר, אַז די קאָמפּעטענץ פון דער אַלגעמיינער ווי פון די רעגיאָנאַלע פעדעראַציעס באַציט זיך נאָר אויף יידישע אַנגעלעגנהייטן, און אַז זיי מישן זיך ניט אין די פּאָליטישע אַלגעמיינע ענינים פון די איינצלנע לענדער.

ד״ר עמנואל שערער

# דער היינטיקער אַנטיסעמיטיזם און דער קאַמף קעגן אים

(טעזן צום רעפעראַט אויף דער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ אין בריסעל).

## קאַפּיטל איינס:

## די נייע געשטאַלט פֿון אַנטיסעמיטיזם

1. אַנטיסעמיטיזם איז אַ באַגלייט־דערשיינונג פון אַ ריי עפּאָכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, דער עיקר פון די איבערגאַנג־שטופן צווישן איין סאָציאַלער אָרדענונג און דער צווייטער. במשך פון זיין עקזיסטענץ האָט ער אייניקע מאָל געביטן זיינע אויסערלעכע פאָרמען און אויסדרוקן. פון דעם אַלטן גריך אַפּיאָן מיט קנאַפּע 2000 יאָר צוריק ביז היטלערס „מיין קאַמף" איז די אַנטוויקלונגס־ליניע פון אַנטיסעמיטיזם אַ געבראָכענע, מיט אָפטמאָל וועזנטלעכע אונטערשידן ביים איבערגאַנג פון איין געשיכטלעכער תקופה אין אַ צווייטער.

ווי ביי מאַנכע אַנדערע סאָציאַלע פּראָצעסן, איז אויך די עוואָלוציע פון אַנטיסעמיטיזם פאָרגעקומען אַזוי, אַז די פריערדיקע אויסדרוק־פאָרם (צ״ב די רעליגיעזע) איז נישט אין גאַנצע פאַרשוואונדן, נאָר האָט זיך איינגעגראָבן אין די טיפענישן פון די באַטרעפנדיקע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און גרופּן. אויף דעם אופן האָבן זיך במשך פון דורות אָנגעזאַמלט אַ שיכט נאָך אַ שיכט, די היסטאָריש איבער־וואונדענע אַנטיסעמיטישע רעאַגירונגען, וועלכע לעבן טיילווייז אַליין אויף ביי געוויסע באַדינגונגען און שאַפן אַחוץ דעם אַ גינסטיקן באָדן פאַר אַזאַ מין אַנטיסעמיטיזם, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די געענדער־טע אומשטענדן. אין דער דאָזיקער אייגנאַרטיקייט פון די געשיכט־

לעכע וואַנדלונגען פון אַנטיסעמיטיזם ליגט איינע פון די הויפּט־סיבות פון זייןווירקונגס־קראַפט ביזן היינטיקן טאָג.

2. אַ קלאָרע אילוסטראַציע פון די וועזנטלעכע אונטערשידן אינם כאַראַקטער פון אַנטיסעמיטיזם אין פאַרשידענע צייט־פּעריאָדן באַקומט זיך ביים פאַרגלייכן די צוויי סאַמע גרויזאַמסטע און ריק־זיכטסלאָזסטע אויסברוכן זיינע: דעם מיטלעלטערלעכן פון אַ טאָרקוועמאַדאָ און דעם סאַמע „מאָדערנסטן" פון אַ היטלער. פון טאָרקוועמאַדאָס שייטערהויפן האָט זיך דער ייד געקאָנט ראַטעווען לעגאַל דורך ווערן אַ גלויביקער, קאַטויילישער קריסט. (אַז ער איז דערביי נאָך אַלץ געווען אויסגעשטעלט אויף געפאַרן — איז אַן ענין, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו אונזער ווייטערדיקן אויספיר). פון היטלערס קאַלך־אויוונס איז פאַרן ייד נישט געווען קיין שום „לעגאַלע" רעטונג. דיביידע אַנטיסעמיזמען — וואָס זיינען זיך אויבנאויפיק און פון אַנדערע שטאַנדפונקטן אַזוי נאָענט — אונטערשיידן זיך אין זייער באַציאונג צום יידן אַזוי שטאַרק און וועזנטלעך, ווי — אַ שווער און באַדינגט לעבן פון שווערן און אומבאַדינגטן אומקום.

אומבאַדינגטע טאָטאַלע פיזישע אויסראָטונג פון די יידן — דאָס איז דער נייער פּרצוף, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט דעם ערשטן מאָל אין דער געשיכטע באַקומען דורך דעם היטלעריזם.

דער נייער פּרצוף פון אַנטיסעמיטיזם איז אַ לענגערע צייט גע־בליבן נישט באַריקזיכטיקט. יאָרן נאָכאַנאַנד, אַפילו נאָך אין די ער־שטע וואָכן פון דער אין 1941 אָנגעהויבענער אויסמאָרדונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן — האָט בכלל־גענו־מען געהערשט די פאַלשע מיינונג, אַז היטלעריזם איז ניי־אויפגע־לעבטער, נאָך מער גרויזאַמער, אָבער אין תוך דער אַלטער מיטלאַל־טערלעכער אַנטיסעמיטיזם פון ספּאַראַדישע פּאָגראָמען, געטאָ, געלע לאַטע אד"גל.

3. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַלע מאָל געווען אַ קינד און אַ ווערק־ציג פון דער רעאַקציע, געוויינלעך פון די עקסטרעמסטע פאָרמען פון רעאַקציע. אַזאַ איז ער פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג.

די פאַרבינדונג צווישן רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם שליסט נישט אויס די עקזיסטענץ פון אַ „זעלבשטענדיקן" אַנטיסעמיטיזם אין דער

פאָרם פון געוויסע, פּאָליטיש נישט אויסגעדריקטע, שטימונגען און געפילן. אָבער ווי נאָר אַזעלכע שטימונגען ווערן אָרגאַניזירט און הויבן אָן צו באַקומען אַ געזעלשאַפטלעכן אויסדרוק, ווערן זיי אומפאַרמייד־לעך אַ ווערקצייג פון רעאַקציע.

רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם מאַכן אַדורך ענלעכע, קעגנזייטיק באַאיינפלוסטע האַנדלונגען.

די אַלגעמיינע רעאַקציע, וועלכע איז אין דער צייט פון קאַפּיטאַ־ליסטישן באַרג־אַראָפּ געוועזן אַ שיטה, וואָס האָט געקעמפט פאַר אירע צילן על פּי כלל מיט פרידלעך־פּאָליטישע מיטלען, האָט אַן אַנדערן כאַראַקטער אין דער היינטיקער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליסטישן בין־השמשות. אין לענדער, ווי צ״ב איטאַליע, דייטשלאַנד, פּוילן א״אַ, וואו די רעאַקציע איז פאַר 1939 געווען אימשטאַנד אַרויסצוטרעטן מיט איר גאַנצער קראַפט און ריקזיכטלאָזיקייט, איז זי אָפן אַריבער צו די קאַמף־מעטאָדן פון קריג, פון אינערלעכן, ציווילן קריג. פון אַ פרידלעך־פּאָליטישער האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קריגס־פּאָליטישע שיטה.

דער דאָזיקער פּנים פון דער פאַשיסטישער רעאַקציע האָט אויך באַקומען זיין אויסדרוק אין דער נייער געשטאַלט פון אַנטיסעמיטיזם. אויך ער, דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פאַרוואַנדלט פון אַ „נאָרמאַלער״ רעאַקציאָנער־פּאָליטישער אין אַ רעאַקציאָנער־קריגערישע שיטה.

אַנטיסעמיטיזם (אַלס פּאָליטיק און באַוועגונג — אין דער דאָזיקער געשטאַלט ווערט ער דאָ באַהאַנדלט) איז נישט מער „בלויז״ רעאַק־ציע, „בלויז״ איינע — אַ רעאַקציאָנערע — ריכטונג צווישן פיל אַנ־דערע פּאָליטישע ריכטונגען, וואָס עקזיסטירן אין באַזונדערע לענדער — אַנטיסעמיטיזם איז אַ מלחמה־שיטה, אַ פּערמאַנענטע, ביי געוויסע באַדינגונגען לאַטענטע, אָבער פאַרט אַ מלחמה־שיטה אינערהאַלב דער געזעלשאַפט. דאָס איז דער פון גרונד אויס נייער כאַראַקטער, אין וועלכן ער באַווייזט זיך אין דער היינטיקער איבערגאַנג־עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם. אין די ווערטער פון דער קלאַסישער פאָרמולע פון קלאַוזעוויץ, אַז „קריג איז פּאָליטיק מיט אַנדערע מיט־לען״, הייסט דאָס: אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן פּאָליטיק „מיט אַנ־דערע״, מיט קריגערישע — מיטלען.

4. קאַמף־מיטל פון קריג איז פיזישע פאַרניכטונג. אַזוי האָט געקלונגען דער לאָזונג גופא, אונטער וועלכן ס'איז פאָרגעקומען היט־לערס אויפשטייג צו דער מאַכט. („יודע פערעקע"). אַזאַ איז געווען דער גייסט פון די אַנטי־יידישע אַקטן פון היטלער־דייטשלאַנד אין דער צייט פון פרידן. אַז קריג און פאַרניכטונג, דערצו נאָך אין דער סאַמע באַרבאַרישסטער פאָרם, איז געווען דאָס אַלץ, וואָס איז געטאָן געוואָרן מיט די יידן אין דער נאַצי־אָקופּירטער אייראָפּע — איז באַ־שיינפּערלעך.

דער נייער קריגערישער כאַראַקטער פון אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אויך אַנטפּלעקט אין די האַנדלונגען פון די עקסטרעמע אַנטיסע־מיטן מחוץ היטלער־דייטשלאַנד. („קאָלאַבאָראַציאָניזם" אין פאַרשידענע פאָרמען).

5. די ענדערונג פונם אַנטיסעמיטיזם פון אַ שיטה, וואָס האָט אַמאָל פאַרלאַנגט „נאָר" אַ פּאָליטיק פון באַגרענעצונגען פאַר יידן, אין אַ לאַגער פון פאַרניכטונג־קריג קעגן יידן (וואָס איז — איבעריק צו זאָגן — גלייכצייטיק, הגם נישט אַזוי אָפן, אויך אַ פאַרניכטונגס־קריג קעגן אַלע דעמאָקראַטישע יסודות און קעגן אַלע נישט־יידישע דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט) — די דאָזיקע ענ־דערונג איז נישט אַ דערשיינונג וואָס איז היינט שוין ענדגילטיק לי־קווידירט אַדאַנק דער מיליטערישער צעשמעטערונג פון היטלער־דייטשלאַנד. אין געוויסע לענדער פון דער באַפרייטער אייראָפּע, ווי צ"ב פּריער פאַר אַלץ אין פּוילן, אַנטפּלעקט זיך דער אַנטיסעמיטיזם ווייטער אין דער באַשיינפּערלעכער פאָרם פונם פריערדיקן היטלע־ריסטישן (איצט אומלעגאַלן) פאַרניכטונגס־קריג קעגן יידן. אָבער אויך אין אַנדערע לענדער, וואו עס עקזיסטירט אַן אַנטיסעמיטישע באַ־וועגונג, איז זי אָפן אָדער אין פּאָטענץ אַ טרעגער פון דער קריגערישער, אין תוך היטלעריסטישער, פאָרם פון אַנטיסעמיטיזם. „מעסיקער" אַנטיסעמיטיזם קען היינט נאָר הויזן אין קעפּ פון יחידים; אַלס באַווע־גונג, אַלס געזעלשאַפטלעכע קאַמף־שיטה געהערט ער צו דער נעכטי־קער געשיכטלעכער עפּאָכע, פּונקט ווי „מעסיקער" קאַפּיטאַליזם, „מע־סיקער" נאַציאָנאַליזם, „מעסיקער" פאַשיזם אד"גל. אַ היטלער־מיטאָס

לעבט צווישן די אַנטיסעמיטן פון פאַרשידענע לענדער. און יעדער מין אַנטיסעמיטיזם, וואָס קעמפט פאַר איינפלוס און מאַכט, איז אָנגעלאָדן מיט דער אינערלעכער טענדענץ נאָכצוגיין נאָכן היטלעריסטישן מוסטער.

6. דער צווייטער נייער מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פון אַנטיסעמיטיזם איז זיין פאַרגרעסערטע טעריטאָריאַלע אויסשפּרייטונג. זינט עס האָבן אָנגעהויבן פאַלן די מיטלאַלטערלעכע געטאָ־מויערן האָט זיך דערווירקונגס־געביט פון אַנטיסעמיטיזם געהאַלטן אין איין איינשרומפּן. פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער (אָדער, ריכטיקער, אוניווערסאַלער) דערשיינונג אין קריסטלעכן מיטלאַלטער איז ער געוואָרן אַלץ מער און מער לאָקאַל באַגרענעצט.

אין דער דאָזיקער עפּאָכע פון בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע און בירגערלעך־קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע איז די דרייפוס־עפּאָכע געווען די לעצטע פון די גרויסע שלאַכטן, וועלכע די מערב־אייראָפּעאישע אַנטיסעמיטישע רעאַקציע האָט פּראָוואָצירט און פאַרשפּילט. אין רעזולטאַט דערפון האָט דער אַנטיסעמיטיזם פאַרלוירן דעם גרעסטן טייל פון זיין באָדן אין די מערב־לענדער. אַדאַנק דעם איז ער דאָרט געבליבן אויך אין דער שפּעטערדיקער עפּאָכע, און ביזן היינטיקן טאָג, שוואַך און אָן אַ גרעסערן געזעלשאַפטלעכן איינפלוס. אויפן פּאָליטישן געביט, אַלס אַ רעגירונגס־סיסטעם,איז ער געוואָרן אינגאַנצן עלימינירט.

אינם פּעריאָד, וואָס האָט געדויערט פון די יאָרן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז אומגעפער דעם אָנהויב פון די 30־קער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט איז דער צענטר פון אַ ממשותדיקן אַנטיסעמיטיזם געווען אין מזרח־אייראָפּע (צאַרישע רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע) — אַ ווינקל פון דער געשיכטע, אַן קראַפט פון עקספּאַנסיע אויף דרויסן.

דער וואוקס פון דער היטלער־באַוועגונג, דאָס איבערנעמען דורך איר די מאַכט אין דייטשלאַנד — דעם דאָמינירנדיקן צענטראַל־פּונקט פון אייראָפּע — די געשעענישן, וואָס זיינען נאָך דעם געקומען, האָבן צוריקגעדרייט טיילווייז די ראָד פון דער געשיכטע. אויסנוצנדיק דער־

צו דעם גאַנצן ריזיקן מאַכט־אַפּאַראַט פֿונם דיקטאַטאָרישן רעזשים, אַרבעטנדיק מיט אַלע כּלי־זיין פֿון מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע, אָנהויבנדיק פֿון איראַציאָנעלער מיסטיק ביז מאָדערנער, כּלומרשט „וויסנשאַפֿט־לעכער" „פֿאָרשונג", נישט אָפּשטעלנדיק זיך פֿאַר קיין שום גרויזאַמקייט — האָט היטלער־דייטשלאַנד אויסגעשפּרייט דעם אַנטיסעמיטיזם, האָט אַרויפֿגעלייגט אויף אים אומעטום זיין שטעמפּל און האָט פֿאַרוואַנדלט אים אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער דערשיינונג.

די מפּלה פֿון היטלער־דייטשלאַנד איז אַ שטאַרקער קלאַפּ פֿאַרן דאָזיקן פּראָצעס און קען ווערן אַן אָנהויב פֿון זיין סוף. אָבער די מיליטערישע מפּלה אַליין קען אים נישט ליקווידירן. כּל־זמן עס בלייבט די נאָך־היטלעריסטישע ירושה פֿון אַ ממשותדיקן אַנטיסעמיטיזם, מוז דער דאָזיקער אַנטיסעמיטיזם טראָגן אויף זיך אויך אַן אינטערנאַציאָנאַלן שטעמפּל. דאָס ליגט אינם סאַמע ווערן פֿון דער הייַנטיקער עפּאָכע, וואָס האָט פֿאַרקלענערט די דיסטאַנצן צווישן איין קאָנטינענט און דעם צווייטן, האָט באַזייטיקט די לאָקאַלע באַגרענעצטקייט און טייל־באַרקייט פֿון קריג און שלום (אינערלעכן און אויסערלעכן), און במילא האָט זי אויך באַזייטיקט די לאָקאַלע באַגרענעצטקייט פֿון אַזאַ קריגערישער און אַזוי אָנשטעקנדיק ווירקנדיקער שיטה, ווי עס איז דער הייַנטיקער אַנטיסעמיטיזם.

7. דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פֿון אַנטיסעמיטיזם (און פֿון דער יידן־פֿראַגע — וואָס איז בלויז אַן אַנדערער אויסדרוק פֿון דער זעלבער דערשיינונג) באַזייטיקט נישט די וועזנטלעכע ריכטיקייט פֿון דעם ביז־איצטיקן בונדישן ענטפֿער אויף דעם דאָזיקן פּראָבלעם. ער שטעלט אונז אָבער פֿאַר דער אויפֿגאַבע צו באַשאַפֿן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אינסטרומענט — אַ בונדישן וועלט־אַדרעס — וואָס זאָל דערמעגלעכן דאָס אַרויסטרעטן אויף דער וועלט־אַרענע און לגבי אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפֿטן לטובֿת דער געמיינזאַמער איינשטעלונג פֿון די איינצלנע בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין די ענינים פֿון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פֿון אַ ריכטיקער לייזונג פֿון דער יידן־פֿראַגע.

קאַפּיטל צוויי:

## מעגלעכקייטן פֿון איבערווינדונג

1. די אַנגעוויזענע ענדערונג פֿון אַנטיסעמיטיזם, די פֿאַר־ניכטונגס־קראַפֿט, וואָס ער האָט לעצטנס אַרויסגעוויזן מיט אַזאַ ביי־שפּיללאָזער רציחה, שטעלן אַוועק פֿאַר אונז אויפֿסניי די אַלטע פֿראַ־גע וועגן די סיבות פֿון דער אַנטיסעמיטישער חולאת און די מעגלעכ־קייטן פֿון איר פֿולשטענדיקער איבערווינדונג.

2. די סאָציאַליסטישע פֿאָרשונג איז אויף דעם דאָזיקן געביט זייער הינטערשטעליק און אין גרעסטן טייל פֿאַרעלטערט. מאַנכע פֿאָרמולירונגען, וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן מיט צענדליקער יאָרן צוריק (ווי צ״ב בעבעלס: „אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פֿון נאַראָנים״), זיינען, אמת, געבליבן אין תוך ריכטיק, אָבער זיי קענען נישט פֿאַרטרעטן די גרזיסע בלויז, וואָס פֿילט זיך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג צוליב דעם מאַנגל פֿון ערנסטער, גרינדלעכער אַקטועלער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור וועגן אַנטיסעמיטיזם. דער דאָזיקער מאַנגל ווערט באַזונדערס בולט (און שעדלעך) אין ליכט פֿון דער גוואַלדיק אָנגעשוואָלענער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע און „וויסנשאַפֿט״, וואָס איז די לעצטע יאָרן פֿאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַרער וועלט.

3. טעאָריעס גיבן אָן אַלס גרונט־סיבה — און אָפּטמאָל אויך אַלס באַרעכטיקונג — פֿון אַנטיסעמיטיזם פֿאַרשידענע מינים פֿאַקטאָרן (אַלגעמיינע יידישע אַנדערשקייט, געוויסע שטריכן פֿון דער דאָזיקער אַנדערשקייט, ראַסע, רעליגיע, ווירטשאַפֿטלעכע קאָנקורענץ צווישן יידן און נישט־יידן, „איינגעבוירענע״ אַנטי־יידישע רשעות ביי די אומות־העולם א״אַ). די דאָזיקע טעאָריעס דערקלערן נישט, פֿאַרוואָס — ביי די זעלבע פֿאַקטאָרן אויף דער יידישער אָדער נישט־יידישער זייט — האָבן מיר אין דער זעלבער צייט אין איין אָרט אַ שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם, אין אַנדערע — אַ שוואַכערן און זייער שוואַכן. (ביי־שפּיל: די היינטיקע לאַגע). פֿאַרוואָס אויף דעם זעלבן אָרט, וואו פֿריער האָט געבושעוועט ווילדער אַנטיסעמיטיזם מיט אָרגאַניזירטע דורך דער מלוכה פּאָגראָמען אויף יידן, איז ער איצט דעלעגאַליזירט און באַ־

זייטיקט אינגאַנצן פון עפנטלעכן לעבן, הגם נישט אינגאַנצן פון די מענטשלעכע מוחות. (ביישפיל: ווסלאַנד). און פּאַרוואָס אַ לאַנד מיט אַ רעלאַטיוו קנאַפּן אָדער קיין שום ממשותדיקן אַנטיסעמיטיזם במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער, איז געוואָרן אַן אָרט פון אַנטיסעמיטישן מאַסן־שגעון, וואָס לאָזט זיך פילן ביי אַלע סיטואַציעס און אונטער אַלע רעזשימען(פּוילן).

4. דער ענטפער דערויף ליגט אין די אַלגעמיינע פּאָליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער קלאַסן־געזעלשאַפט, וועלכע בילדן דעם באָדן פאַרן אַנטיסעמיטיזם—אַ גינסטיקן אָדער אומגינסטיקן— און באַשטימען די מעגלעכקייטן און גרענעצן פון זיין פאַרשפּרייטונג. „שטאָף" פאַר אַנטיסעמיטישע געפילן און טעטיקייטן געפינט זיך אין אונזער פּאָליטישער אַטמאָספער, ווי מיקראָבן אין דער לופט. אויך עלעמענטן, וואָס וואָלטן אים געוואָלט אויסנוצן פאַר זייערע רעאַקציאָנערע צילן, זיינען פאַראַן אין דער היינטיקער, ווי יעדער פריערדיקער, קלאַסן־געזעלשאַפט. אָבער די ראַמען, אין וועלכע זיי קאָנען דאָס טאָן און פאַרוואַנדלען דעם אַנטיסעמיטישן מיקראָבן־שטאָף אין דער חולאת פון אַנטיסעמיטישער באַוועגונג און פּאָליטיק, הענגט אָפּ קודם כל דערפון, צי און אין וועלכער מאָס עס איז וואו געלונגען צו פאַרקלענערן די פאָלגנדיקע גרונט־איבלען פון דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסן־געזעלשאַפט:

א) אָרעמקייט — עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע און אומזיכער־קייט פון די מאַסן;

ב) הערשאַפט פון די פּריווילעגירטע — אונטערדריקונג פון מענטש דורך מענטש און פון פאָלק דורך פאָלק;

ג) אימפּעריאַליזם — פּאָליטישע אומזיכערקייט און אומפרייהייט פון איינצלנע לענדער.

5. קאַמף פאַר הויבן דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג, פאַר אָפּשאַפן יעדע פאָרם פון פּאָליטישער און סאָציאַל־עקאָנאָמישער אונטערדריקונג, פאַר באַזייטיקן די אומפרייהייט פון פעל־קער און לענדער, פאַר באַפעסטיקן און אויסברייטערן די דעמאָקראַ־

טישע פרייהייטן — איז גלייכצייטיק קאַמף און שוץ קעגן אַנטיסעמי־טיזם. די דערפאָלגן, וואָס זיינען אויף די אַלע געביטן דערגרייכט געוואָרן אין די מערב־לענדער, ווי אויך דער קאַמף, וואָס ווערט געפירט קעגן נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציעס מצד די סאָציאַליסטישע, דעמאָקראַטישע און אַרבעטערשע עלעמענטן—באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן — האָבן גורם געווען, אַז די דאָזיקע לענדער (אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע א״אַ) זיינען געוואָרן געביטן, וואו אַנטיסעמיטיזם איז אַלס רעגירונגס־סיסטעם ליקווידירט, און אַלס געזעלשאַפטלעכע קאַמף־שיטה איז ער שוואַך און אַן אַ מאַסן־באַזע.

6. נישט געקוקט דערויף, איז אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג נישטאָ קיין פאַרזיכערונג קעגן אַנטיסעמיטיזם. שווערע, פּלוצלונגע אָדער כראָנישע, עקאָנאָמישע קריזיסן, און אַנדערע קראַנקהייטן און שפּאַנונגען, וואָס ליגן אין דער נאַטור פון דער היינטיקער אָרדענונג, קענען אַזוי אויפטרייסלען די געזעלשאַפט, אַז עס זאָלן זיך שאַפן באַדינגונגען, ביי וועלכע דער אַלעמאָל עקזיסטירנדיקער אַנטיסעמיטישער מיקראָבן־שטאָף קען ווערן אַ קוואַל פון אַ נייער אַנטיסעמיטישער פּעסט. ערשט דורך דער פולשטענדיקער באַזייטיקונג פון די פריער אָנגעוויזענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּלאָגן פונם איצטיקן קאַפּיטאַליסטישן סדר און דורך דער אויפריכטונג פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג פון פרייהייט, וואוילשטאַנד און בילדונג פאַר אַלע — ערשט דורך דעם קענען באַשאַפן ווערן די באַדינגונגען פאַר ענדגילטיקער איבערווינדונג פון אַנטיסעמיטיזם סיי אין זיין היינטיקער קריגערישער געשטאַלט, סיי אין אַלע זיינע פאָרמען.

7. פאַר די יידישע מאַסן בלייבט נאָך דעם, וואָס עס איז געשען, צוליב דעם, וואָס עס איז געשען און כדי, עס זאָל קיין מאָל מער נישט קאָנען ווידער געשען, — קאַמף פאַר סאָציאַליזם אַלס איינציקע אויסזיכט פאַר זיכערער עקזיסטענץ און צוקונפט.

8. אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם זיינען פאַראינטערעסירט אַלעווירקלעך דעמאָקראַטישע און פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער וועלט — סאָציאַליסטישע און נישט־סאָציאַליסטישע. אָבער נישט אַלע זיינען מסוגל צו פירן אים גלייך ווירקזאַם.

אין דער היינטיקער עפּאָכע, ווען רעאַקציע בכלל און אַנטיסע־מיטיזם בפרט זיינען געוואָרן אַ קריגס־שיטה פאַר דער רעטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, קענען די בירגערלעך־דעמאָקראַטישע עלעמענטן געשטעלט ווערן פאַרן טראַגישן אויסוואַל אָדער איינצו־האַלטן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, הגם מיט אַנטיסעמיטיזם און אָן דעמאָקראַטיע, אָדער — איינהאַלטן (און אויסברייטערן) די אָרדנונג פון דעמאָקראַטיע, אָן אַנטיסעמיטיזם, אָבער אויך אָן קאַפּיטאַליזם. אָט די גורל־שווערע ברירה, וואָס איז געווען אַ פאַקט בימי היטלער און קען זיך שטעלן אין דעם אָדער יענעם קאַפּיטאַליסטישן לאַנד — האָט געשאַפן אַ סיטואַציע, אין וועלכער דער בירגערלעך־דעמאָקראַ־טישער לאַגער, אָדער אַ טייל פון אים, האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פעסטע שטיצע אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

דאָס איז אויך די סיבה, צוליב וועלכער אויך דער יידישער ביר־גערלעך־דעמאָקראַטישער לאַגער האָט פאַרלוירן זיין פריערדיקע ראָל אין דער יידישער געזעלשאַפט און קען מער נישט אָנפירן מיטן קאַמף פון די יידישע מאַסן קעגן אַנטיסעמיטיזם.

9. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פאַרנעמט אַ פּרינציפּיעל־נעגאַטיווע שטעלונג צום אַנטיסעמיטיזם. דאָס פירט דערצו, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז אינם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם די צענטראַלע אַקס פאַר אַלע כוחות, וואָס זיינען אינם דאָזיקן קאַמף פאַר־אינטערעסירט און קודם כל פאַר די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן.

דער דאָזיקער פאַקט שאַפט נישט קיין אויטאָמאַטישע גאַראַנ־טיע קעגן פעלערן און בלויזן ביי דער פּראַקטישער דורכפירונג פון דער וויזנטלעכער קעגן־אַנטיסעמיטישער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק פון די אָדער יענע סאָציאַליסטן. (פּונקט ווי די סאָציאַליסטישע איינשטע־לונג בכלל פאַרהיט נישט פון זיך אַליין פון פעלערן אויף אַנדערע גע־ביטן פון פּאָליטישן קאַמף). אַזעלכע פעלערן אָדער בלויזן זיינען ווירק־לעך פאָרגעקומען. די פּרינציפּיעלע פיינטשאַפט פון דער סאָציאַליס־טישער און אַרבעטער־באַוועגונג קעגן אַנטיסעמיטיזם האָט אין די לעצטע יאָרן נישט אומעטום און נישט אַלע מאָל געפונען אַזאַ אויס־דרוק, ווי דאָס וואָלט אַנטשפּראָכן דעם וועזן פון דער סאָציאַליסטישער

אידעאָלאָגיע, און דעם פאַרנעם פון חורבן, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט גורם געווען.

10. פּרינציפּיעל־נעגאַטיוו איז אויך די שטעלונג פון קאָמוניזם צום אַנטיסעמיטיזם, און דער קאַמף וואָס די קאָמוניסטן פירן קעגן אַנטיסעמיטיזם איז אין אַלגעמיין אַ שאַרפער און דעצידירטער. אַ קאָמפּליצירונג רופט אָבער אַרויס די קאָמוניסטישע סטראַטעגיע, וואָס איז גורם פאַרשידענע וואַקלונגען און הנחות, אויב זיי דינען דעם קאַמף פאַר דער טאָטאַליטאַרער, קאָמוניסטישער, מאַכט. (ביישפּילן: האַלטונג פון דער קאָמוניסטיש־דאָמינירטער רעגירונג פון רומעניע לגבי די יידן א״אַ).

11. די סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־באַוועגונג קען און דאַרף — אין אירע אייגענע אינטערעסן — זאָרגן דערפאַר, אַז איר פּרינציפּיעלע קעגן־אַנטיסעמיטישע שטעלונג זאָל שטאַרקער קומען צום אויסדרוק אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק.

די פאָלגנדיקע שריט קענען העלפן דאָס צו דערגרייכן:

א) די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דאַרפן אויסטיילן ספּעציעלע, שטענדיקע, קערפּערשאַפטן, וואָס זייער אויפגאַבע זאָל זיין צוצוגרייטן פאָרשלאָגן וועגן קאָנקרעטע אופנים פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם ביי זיך אין לאַנד און אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

ב) די פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם און זיין באַקעמפונג דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ.

ג) עס דאַרף אויסגעבילדעט ווערן אַ שטענדיקע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קערפּערשאַפט פאַר די פּראָבלעמען פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם. די דאָזיקע קערפּערשאַפט דאַרף אַרבעטן אין פאַרבינדונג מיט דעם צייטווייליקן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָמיטעט אין לאָנדאָן און שפּעטער מיט דער נאָרמאַלער אָנפירונג פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווען אַזאַ וועט געשאַפן ווערן.

ד) די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און די אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג (טרייד־יוניאָנס) דאַרפן

אויך אויסטיילן ספּעציעלע אָרגאַנען פאַר די ענינים פון קאַמף קעגן אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַלע און ראַסן־דיסקרימינאַציעס.

ה) די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַרף איניציאירן און אונטער איר אָנפירונג אָרגאַניזירן אַ גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס צום קאַמף פאַר ליקווידירן די שפּורן און איינפלוסן פון היטלעריסטישן ראַסיזם, אַנטיסעמיטיזם אד"גל.

## קאַפּיטל דריי:

## מאָס־מיטלען פאַרן טאָג־טעגלעכן קאַמף

1. דער כאַראַקטער פון היינטיקן אַנטיסעמיטיזם איז אַ באַזונדערע באַרעכטיקונג פאַר דערקלערן דעם אַנטיסעמיטיזם — און בכלל ראַסיזם — אַלס קרימינעלן פאַרברעכן און באַשטראָפן יעדע אַנטיסעמיטישע און בכלל ראַסיסטישע, טעטיקייט און פּראָפּאַגאַנדע. אַזאַ פאַרבאָט (אַרויסגערוקט דורך אונז שוין זייט אַ לענגערער צייט) דאַרף נישט געמאָסטן ווערן לויטן מאָסשטאַב פון דעמאָקראַטישן פּרינציפּ פון פרייהייט פון וואָרט. ער דאַרף געשטעלט ווערן אין איין ריי מיטן היינט שוין שטראָפבאַרן פאַרברעך פון אַגרעסיווער מלחמה. צוזאַמען מיט דער לעגאַליטעט פון דער אַגרעסיווער מלחמה בכלל דאַרף אויך אָפּגעשאַפט ווערן די לעגאַליטעט פון אַגרעסיוון קריג קעגן יידן (און, ווי געזאָגט, קעגן דער גאַנצער אָרגאַניזירטער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפטלעכקייט) — וואָס דאָס בילדעט, ווי מיר האָבן געזען, דעם וועזן און די טענדענץ פון היינטצייטיקן אַנטיסעמיטיזם.

דער פאַרבאָט פון אַנטיסעמיטישער טעטיקייט און פּראָפּאַגאַנדע דאַרף זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלער, רעאַליזירט אָדער אין פאָרם פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך, אָדער דורך דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער. דאָס איינפירן שוין איצט, איידער עס איז צושטאַנד געקומען די אַנטשפּרעכנדיקע פאָרם פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאָט, אַזעלכע פאַרבאָטן אין די ראַמען פון איינצלנע לענדער איז אַ וויטיקער עלעמענט אינם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין די באַטרעפנדיקע לענדער און אַ וויכטיקער שריט צו דער אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון די פאַרבאָטן.

עס זיינען אויך נויטיק אָרגאַנען, — אין פאַל פון אינטערנאַ־ציאָנאַלן פאַרבאָט אַן אָרגאַן, — צו גאַראַנטירן און היטן די פּראַקטי־שע דורכפירונג פון פאַרבאָט אין איינצלנע לענדער.

2. אַ תנאי פון דערפאָלגרייכן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם איז אויך די דערציאונג אין גייסט פון דעמאָקראַטיע און פעלקער־פאַר־ברידערונג, געפירט פון די סאַמע נידעריקסטע שטאַפּלען פון דער פאָלקס־שול ביז דעם אוניווערזיטעט. די דערציאונג דאַרף זיין איינ־געשטעלט אויף באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם, ראַסיזם און נאַציאָ־נאַלע דיסקרימינאַציע, און נישט אויף פאַרשווייגן די דאָזיקע פּראָ־בלעמען. אַנטיסעמיטיזם דאַרף מען „טשאַלענדזשן". אַן אַקטיווע קעגן־אַנטיסעמיטישע דערציאונג — קאָנטראָלירט דורך דער „אונעסקאָ" — וואָלט געוואָרן אַ שטאַרקער אימוניזירונג־מיטל קעגן די געפאַרן פון אַנטיסעמיטישער און בכלל ראַסיסטישער אַנשטעקונג.

3. אַ באַזונדערס וויכטיקן אָרט פאַרנעמען אין דער דאָזיקער הינזיכט די מאַסמיטלען, וואָס זיינען נויטיק, כדי גובר צו זיין די גייי־סטיקע שפורן פון היטלעריזם צווישן דייטשן פאָלק און ליקווידירן די ראָל פון דייטשלאַנד, אַלס דעם וועלט־צענטר פון היטלעריסטישן און נאָך־היטלעריסטישן אַנטיסעמיטיזם. עס איז פיינלעך און עס קען ווערן פאַטאַל, וואָס אַזוי ווייניק ווערט אין דער ריכטונג געטאָן דורך דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג אין די איינצלנע דייטשע זאָנען און דורך דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג גופא. די פאַרברעכנס וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן לגבי דעם יידישן פאָלק אין נאָמען פון גאַנץ דייטשלאַנד מצד אַן אומגעהויער גרויסער צאָל דייטשן, וואָס האָבן זיך אין די פאַרברעכנס דירעקט באַטייליקט — די דאָזיקע ביישפּיל־לאָזע פאַרברעכנס זיינען און מוזן באַטראַכט ווערן אַלס דער אויסגאַנגס־פונקט און גרונט־יסוד פון יעדער ווירקלעכער און ממשותדיקער איבער־דערציאונג פון דייטשן פאָלק. שטרענגע באַשטראָפונג פון אַלע — גרויסע און „קליינע" — נאַציס איז אַ וועזנטלעכער עלעמענט און פאַרבאַדינג פון אַזאַ איבערדערציאונג. יעדער אַנדערער צוגאַנג שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן די ווירקונגען פון דער א״ג „דענאַציפיצי־רונג", ווי זי ווערט פּראַקטיצירט אין היינטיקן דייטשלאַנד דורך אויס־לענדישע און היימיש־דייטשע עלעמענטן.

4. אַלס מאַסמיטל אינם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און אַלס עלע־מענט אין דער ליקווידירונג פון דער היטלער־ירושה דאַרף אויך באַ־טראַכט ווערן די אַן און פאַר זיך דרינגענדיקע און פון אַ ריי אַנדערע שטאַנדפּונקטן מער ווי באַרעכטיקטע פאָדערונג: — אויפצולעזן די „ד. פּ.״ („דיספּלייסד פּערסאָנס״) לאַגערן און עפענען די טויערן פון דער וועלט פאַר די קרבנות פון נאַציזם, וואָס שמאַכטן ביז היינט־צו־טאָג אין די דאָזיקע לאַגערן. זייער אומגליק — אַ רעזולטאַט פון היט־לעריסטישן באַרבאַריזם און גלייכגילטיקייט פון דער וועלט — ווערט נאָך טראַגישער דערמיט, וואָס ער ווערט מיסברויכט אויף אונטער־צוהאַלטן די פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע שטימונגען, וואָס היט־לער־דייטשלאַנד האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

5. אויך די א״ג „רעהאַביליטאַציע״ פון די רעשטלעך פונם יידישן פאָלק, וועלכע זיינען ניצול געוואָרן פון די מאַסן־שחיטות און טויט־לאַגערן, זייער מאַטעריעלע אַנטשעדיקונג אוןווירטשאַפטלעכע איינאָרדנונג — באַרעכטיקט אַן און פאַר זיך — ליגן אויך אין אינ־טערעס פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. זיי באַזייטיקן דעם אַנטיסעמי־טישן סטימול, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר די שטראָפלאָזע פאַר־ניכטונג און לעגאַליזירטער רויב פון יידישן האָב און גוטס.

6. קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם קען נישט געפירט ווערן בלויז מיט נעגאַציע. ער פאַרלאַנגט אַ פּאָזיטיוו,ווירקלעך דעמאָקראַטישן ענטפער אויף דער יידן־פראַגע.

7. אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט איז שעדלעך דאָס שטיצן דעם ציוניזם.

דער ציוניסטישער ציל פון אַ יידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע אַנטשפּרעכט נישט דעם גרונט־באַדינג פון אַ דעמאָקראַטישער לייזונג פונם יידן־פּראָבלעם: נישט צו פאַרגוואַלטיקן די באַרעכטיקטע אינטע־רעסן פון אַנדערע פעלקער און די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון פעלקער־פאַרברידערונג.

וואָלט ער געוואָרן פאַרווירקלעכט (פאַקטיש איז ער נישט רעאַ־ליזירבאַר), וואָלט ער סיי־ווי נישט געלייזט די פּראָבלעמען פון דער גרויסער מערהייט יידן, וועלכע לעבן און ווילן לעבן מחוץ פּאַלעסטינע;

ער וואָלט גאַנץ באַזונדערס נישט געלייזט דעם פּראָבלעם פון אַנטי־סעמיטיזם.

8. שעדלעך קען זיך אויך אָפּרופן אויפן קאַמף קעגן אַנטיסע־מיטיזם דאָס פאַרבינדן אים מיט אַ פּראָגראַם פון יידישער אַסימילאַציע. פאַר די יידן גופא איז דער דאָזיקער וועג נישט קיין גאַראַנטיע פון זיכערער צוקונפט. לגבי די אַנטיסעמיטן זעט ער אויס ווי אַ געוויסע — מעג זיין נישט ווילנדיקע — אידעאָלאָגישע קאָנצעסיע, וואָס דריקט זיך אויס אינם פאַרלייקענען די רעכט פון די יידישע מאַסן צו לעבן אין זייערע לענדער ווי יידן.

9. די בונדישע אידעע פון פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין יעדן לאַנד, וועלכע שליסט אין זיך איין דאָס רעכט פון די יידישע מאַסן צו פלעגן און אַנטוויקלען זייערע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אייגנאַרטיקייטן אויפן אָרט, אין די לענדער, וואו די יידן לעבן אין גרעסערע צאָלן — פאַרבינדט אין דער גרעסטער מאָס דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם מיט אַן אמת־דעמאָקראַ־טישן, פּאָזיטיוון און אינטערנאַציאָנאַליסטיש־סאָציאַליסטישן ענט־פער אויף דער יידן־פראַגע. די טראַגישע קאַטאַסטראָפע פון יידישן פאָלק האָט קאָמפּליצירט און געענדערט די פאָרמען, אָבער זי האָט נישט אָפּגעפרעגט דעם תוך פונם דאָזיקן ענטפער.

*****

1933—1945 — די 12 יאָר פון היטלער־הערשאַפט צוערשט אי־בער דייטשלאַנד און דאַן, אין גאַנג פון קריג, איבער דעם ווייט־גרעסטן טייל פון קאָנטינענטאַלער איראָפּע האָבן די אַנטיסעמיטישע כוואַליע דערפירט צו אַ פּונקט, וואו איר פאַרניכטונגס־קראַפט איז אַריבער די ראַמען פון נאָרמאַלן מענטשלעכן גייסט און פאַרשטאַנד. (אַ מין... טראַנסצעדענטאַלער אַנטיסעמיטיזם). עס מוזן פאַרגיין יאָרן און יאָרן, איידער עס וועלן קאָנען אינגאַנצן פאַרשווינדן די שפורן פון דאָזיקן מבול. פון זיך אַליין, אַן אַקטיוון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קען דאָס בכלל נישט געשען.

אין דער מפלה פון היטלער־דייטשלאַנד געפינט אָבער דער דאָזי־קער קאַמף אַ ריזיקע פאַרשטאַרקונג. דער שטורץ פון די נאַציסטישע מאַכט־האָבער פון די סאַמע שפּיצן ביזן סאַמע אָפּגרונט — דאָס איז אַ שטויס אין האַרץ פון אינטערנאַציאָנאַלן אַנטיסעמיטיזם, אַ שטויס, וואָס אין זיין נאַטירלעכער און סאָציאַל־פּאָליטישער קאָנסעקווענץ קאָן ער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן ענדגילטיקע מפלה פון אַנטיסעמיטיזם אויף דור דורות.

## די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק — וועגן פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם

די מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק האָט לויטן פאָרשלאַג פון קאָמיטעט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע דריקט אויס די שטעלונג פון דער אָרגאַניזאַציע צו די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם, ווי זיי וועלן אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר דער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ.

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז אויך אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פאָרשלאַג פון דער מינדערהייט־ריכטונג, וועלכער איז דורך דער פאַרזאַמלונג נ י ש ט אָנגענומען געוואָרן.

מיר דריקן דאָ די רעזאָלוציע פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך דעם נישט אָנגענומענעם מינדערהייט־פאָרשלאַג.

## רעזאָלוציע פון דער בומדישער אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק

(אָנגענומען אויף דער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג

פון דער אָרגאַניזאַציע)

אין שייכות מיט דער דיסקוסיע, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק וועגן די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם נאָך דער מלחמה, שטעלט די פאַרזאַמלונג

פעסט די פאָלגנדיקע מיינונגען, וועלכע דאַרפן אין איר נאָמען איבער־געגעבן ווערן אויף דער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ אין בריסעל: —

1. קאַמף פאַר פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם געהערט צום וועזן פון דער עפּאָכע, וועלכע מיר לעבן איצט איבער. די דערפאַרונגען פון די פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן באַוויזן, אַז פרייהייט, דעמאָקראַטיע איז אַן אינטעגראַלער טייל פון סאָציאַליזם; אַז אין קאַמף פאַר סאָציאַ־ליזם איז דאָס שטרעבן צו נאַציאָנאַליזאַציע און פּלאַן־ווירטשאַפט אומ־צערייסבאַר פאַרבונדן מיטן דראַנג צו פרייהייט, צו פּאָליטישער דע־מאָקראַטיע. יעדע פּאָליטיק, וואָס איז געבויט אויפן אָפּטיילן און מקריב זיין איין שטרעבונג פאַר דער אַנדערער, מוז פירן צו קאַ־טאַסטראָפאַלע מפּלות פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

2. אינם איצטיקן מאָמענט, ווען אין גרעסטן טייל פון אייראָפּע האָט דער קאַפּיטאַליזם ווירטשאַפטלעך באַנקראָטירט און פּאָליטיש און מאָראַליש האָט ער זיך קאָמפּראָמיטירט דורך צוזאַמענאַרבעט פון די דאָמינירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע שיכטן מיטן נאַציזם און פאַשיזם, בינדן זיך די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען מערער ווי ווען עס איז פריער מיט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע צילן פון סאָציאַליזם. דער דאָ־זיקער דראַנג צו אַלגעמיינער, פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער דע־מאָקראַטיע האָט זיין פולסטן אויסדרוק אין פרייהייטלעכן דעמאָקראַ־טישן סאָציאַליזם. זיין שטאַרקסטער מאַכט־פּאָליטישער צענטער איז די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי און די ענגלישע אַרבעטער־רעגירונג. איר קומען צו דער מאַכט איז די וויכטיקסטע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַלע געשעעניש פון דער נאָך־מלחמה־צייט.

3. דער דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער לאַגער דאַרף אַנטשיידן באַקעמפן אַלע פאָרמען פון קאַפּיטאַליזם, פאַשיזם, אימפּעריאַליזם און רעאַקציע. דורכן זיג איבער דער נאַציסטיש־פאַשיסטישער אַקס האָבן די כוחות פון רעאַקציע און פאַשיזם באַקומען אַ דעצידירנדיקן קלאַפּ. זיי זיינען אָבער נישט פאַרשוואונדן, און דאַרפן אומברחמנותדיק ליקווידירט ווערן. עס איז פאַראַן און עס מוז קלאָר געבראַכט ווערן צום אויסדרוק די שייד־ליניע, וואָס טיילט אָפּ דעם סאָציאַליסטישן לאַגער סיי פון דער קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע סיי פון דעם

דיקטאַטאָרישן קאָמוניזם. סיי די פּרואוון פון די בירגערלעך־דעמאָקראַטישע עלעמענטן צו באַשווערן דעם פּראָצעס פון סאָציאַלן איבערבוי, סיי די שטרעבונג פון די קאָמוניסטן צו פאַרקירעווען דעם דאָזיקן פּראָצעס אויף די וועגן פון טאָטאַליטאַריזם מוזן זיך אָנשטויסן אויפן ווידערשטאַנד פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס רעפּרעזענטירט אַ זעלבשטענדיקן דריטן וועג אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון דער היינטיקער וועלט.

4. אָפּהענגיק פון אָרט און צייט און אומשטענדן, קענען זיך שאַפן סיטואַציעס, ביי וועלכע דער דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער לאַגער זאָל מוזן איינגיין אויף אַ צוזאַמענאַרבעט אָדער מיט געוויסע נישט־סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטישע עלעמענטן, אָדער מיט קאָמוניסטן, אָדער מיטביידע. אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די נישט־סאָציאַליסטישע (בירגערלעכע) דעמאָקראַטן קען אָבער פאָרקומען נאָר אויפן באָדן פון סטרוקטורעלע ענדערונגען פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. די הנחה פאַר צוזאַמענאַרבעט מיט קאָמוניסטן מוז זיין דאָס אומבאַדינגטע אָפּהיטן דורך זיי די כללים פון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע. יעדנפאַלס קען קיין שום צוזאַמענאַרבעט נישט אָפּשאַפן דעם פונדאַמענטאַלן קעגנזאַץ, וואָס טיילט אָפּ דעם דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישן לאַגער סיי פון די בירגערלעכע דעמאָקראַטן, סיי פון די קאָמוניסטן. דערפאַר איז נישט דערלאָזבאַר קיין פּערמאַנענטע פאַרבינדונג צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, וואָס איר בולטסטער אויסדרוק איז די א. ג. „אָרגאַנישע איינהייט”. פונקט אַזוי אויך קען דער סאָציאַליסטישער צד זיך נישט שטעלן פאַר אַ ציל קיין שום שטענדיקע און פּערמאַנענטע בלאָקן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק — הן לויט דער ליניע לאָנדאָן־וואַשינגטאָן, הן לויט דער ליניע לאָנדאָן־מאָסקווע. אַזאַ קאָמבינאַציע וואָלט — אומאָפּהענגיק פון אַלע פאַרזיכערונגען און פון די אויפריכטיקע כוונות פון די סאָציאַליסטן — אַריינגעבראַכט נייע געשפּאַנטקייט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם וואָלט אויך אין רעזולטאַט פון אַזאַ פּאָליטיק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוטשעפּעניש פון דעם מאַכט־פּאָליטיש שטאַרקערן פאַקטאָר (אַמעריקאַנישן אָדער סאָוועטישן) און ער וואָלט פאַרלוירן אַ גרויסע מאָס באַ־

װעגונגס־פֿרײַהײט אױך אױפֿן געביט פֿון אינערלעכער פּאָליטיק אין די באַזונדערע לענדער.

5. דער סאָציאַליסטישער לאַגער דאַרף אױסדריקן די זעלבשטענדיקײט פֿון זײַן אײגענעם אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן װעג אױך אין דער אױסערלעכער פּאָליטיק. אַ פֿאַרבינדונג און אַ געמײנזאַמע פּאָליטיק פֿון אַלע פֿרײַהײטלעך־סאָציאַליסטישע עלעמענטן איבער דער גאָרער װעלט, אַדורכגעפֿירט אױפֿן באַדן פֿון פֿרידלעכן צוזאַמענלעבן פֿון אַלע מלוכות און אין די ראַמען פֿון די פֿאַראײניקטע פֿעלקער — דאָס איז דער װעג, װאָס פֿירט צום באַפֿעסטיקן דעם װעלט־שלום און צו דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון סאָציאַליזם אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. דאָס איז אױך דער אײנציקער װעג, אױף װעלכן עס איז מעגלעך צו דערגרײכן אַ צוזאַמענאַרבעט פֿון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַװעגונג פֿון אַמעריקע מיט דער אַרבעטער־באַװעגונג פֿון אײראָפּע.

6. די גרױסע װעלט־היסטאָרישע שליחות, װאָס פֿאַלט אױפֿן סאָציאַליזם אין דער נאָך־מלחמה־צײַט, מאַכט באַזונדערס נױטיק די עקזיסטענץ פֿון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. אַזאַ אינטערנאַציאָנאַל דאַרף זײַן אַן אױסדרוק פֿון אמתן אינטערנאַציאָנאַליסטישן גײַסט פֿונם סאָציאַליזם, און דער טרעגער פֿון זעלבשטענדיקער סאָציאַליסטישער טאַט און פּאָליטיק פֿון דער הײַנטיקער צײַט. דער פּראָבלעם סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז אַ װעזנטלעכער באַשטאַנד־טײל פֿון דער אַלגעמײנער סאָציאַליסטישער פּראָבלעמאַטיק און ער דאַרף אױך באַהאַנדלט װערן אױף אונזער װעלט־קאָנפֿערענץ.

7. דער באַנײַטער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל טאָר אױך נישט בלײַבן גלײַכגילטיק צום גורל פֿונם איבערגעבליבענעם רעשט פֿון יידישן פֿאָלק. פֿאַרן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל דאַרפֿן זײַן רעאַל און דרינגנד די װײַטערדיקע פֿאַרלאַנגען און לאָזונגען:

א) עפֿענען די טױערן פֿון דער װעלט פֿאַר די אױסגעװאָרצלטע יידן אין די נאַצי־לענדער;

ב) פֿירן אַ סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם;

ג) גאַראַנטירן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אין די לענדער װאו זײ װױנען, צוזאַמען מיט אַלגעמײנער גלײַכבאַרעכטיקונג אױך די

רעכט פון פרייער אַנטוויקלונג אויפן געביט פון יידישער שפּראַך, קולטור און דערציאונג.

אינם באַנייטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל דאַרפן אָט די לאָזונגען און דער יידן־פּראָבלעם בכלל ווערן אַן ענין פונם סאָציאַליסטישן געוויסן פונם אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קלאַס.

# פאַרשלאַג פון דער מינדערהייט

(נישט אָנגענומען)

אין שייכות מיט דער דיסקוסיע וועגן סאָציאַליזם נאָך דער מלחמה שטעלט פעסט די פאַרזאַמלונג: דער נאָך־מלחמהדיקער פעריאָד האָט פאַר די אָנהענגער פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם אַרויסגערוקט נייע אויפגאַבן. די דאָזיקע אויפגאַבן זיינען פון איין זייט אין הסכם מיט די לאַנגיאָריקע טראַדיציעס פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע און פון דער צווייטער זייט דריגנגען זיי אַרויס פון די באַדינגונגען פון דער היינטיקער עפּאָכע.

דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם האָט פאַרמאָגנדיק די פאַרשידנסטע ניואַנסן פון ריכטונגען און מיינונגען, געהאַט תמיד אָבער אַלס אַלגעמיינעם יסוד פון זיין אידעאָלאָגיע די פרינציפּן פון קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף פאַר אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט, דעם גלויבן אין דער פירנדיקער ראָל פון אַרבעטער־קלאַס אַלס גרונט־פאַקטאָר פון סאָציאַליסטישן איבערבוי; די קעגנערשאַפט פון יעדער מין פשרה אָדער קאָאַליציע מיט קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען — פון שטיצן זיי בעת וואַלן, אָפּשטימונגען און דאָס גלייכן, אָדער דורך שותפותדיקן רעגירן צוזאַמען מיט זיי; די קעגנערשאַפט צו דער פּאָזיציע פון אַרבעטער־פאַרשטייער אַלס פאַרוואַלטער מיט די ענינים פון אַ קאַפּיטאַליסטישער מלוכה; די קעגנערשאַפט צו יעדן מין אימפּעריאַליזם און אימפּעריאַליסטישע מלחמות. צו די עיקרים פון אָט דער אידעאָלאָגיע האָט אויך געהערט רעוואָלוציאָנערער אינטערנאַציאָנאַליזם — וואָס האָט אויפן פאָדערשטן פּלאַן געשטעלט די אינטערעסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־

שאַפט; רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם באַדייט די שטרעבונג צו העלפן און חבריש שטיצן יעדן פּרוּאוו פון סאָציאַליסטישן איבערבוי אין באַזונדערע לענדער; דערפון איז אויך אַרויסגעדרונגען די גרייטקייט צו שטיצן די דערגרייכונגען פון דער רוסלענדער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אומאָפּהענגיק פון דעם ווי קריטיש עס האָט געקאָנט זיין די באַציאונג צום סאָוועטישן רעזשים. צום אידעאישן פאַרמעגן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם האָט תמיד געהערט דער טיפער גלויבן, אַז דער וועג צום סאָציאַליזם אין יעדן לאַנד און אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, פירט דורך דער ברייטסטער פּראָלעטאַרישער איינהייט, און כל זמן דאָס איז נישט מעגלעך — צוליב קאָמוניסטישער און רעפאָרמיסטישער סעקטאַנטישקייט, אָדער צוליב דער טענדענץ פון איין צד אויסצונוצן די איינהייט פאַר איינשליכגונגס־מאַנעווערן—דורך לאָקאַלן איינהייטלעכן פּראָלעטאַרישן פראָנט, סיי אין די ראַמען פון באַזונדערע לענדער, ווי אויך די ברייטסטע אַקציע־איינהייט אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב—און דורך דער שטרעבונג חבריש צוזאַמענצואַרבעטן מיט דער סאָוועטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם האָט אַלע מאָל געגלויבט, אַז נאָר אַזאַ איינהייטלעכער פראָנט קאָן איינציק און אַליין באַזייטיקן אָדער כאָטש לינדערן די קללה פון צעשפּאָלטנקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און גיכער זען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל דערפילן זיין היסטאָרישע שליחות אַלס בויער פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג.

די גרויסע וועלט־קאַטאַסטראָפע פון די לעצטע יאָרן — נישט נאָר וואָס זי גיט קיין גרונט נישט צו רעווידירן די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע אמתן, וואָס איינער פון זיינע טרעגער איז געווען דער „בונד“, נאָר פאַרקערט, די טראַגישע דערפאַרונג פון די לעצטע אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר באַקרעפטיקט נאָך די דאָזיקע אמתן. די פּאָליטיק פון פשרה, פון קאָאַליציע, פון שטיצן דעם היימישן אימפּעריאַליזם, פון ברודער־האָס אין די אַרבעטער־רייען, פון פאַרוואָרפן דעם לאָיאַלן איינהייטלעכן פראָנט, האָבן אָפּגעשוואַכט די שלאָג־קראַפט פון אַרבעטער־קלאַס און מעגלעך געמאַכט דעם זיג פון פאַשיזם. די אויסגערעכנטע טראַגישע פעלערן און פאַרברעכנס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות זאָלן

קענען שטראָפלאָז באַוואָפּענען היטלערן, זאָלן פאַרבלייבן אין בעסטן פאַל גלייכגילטיקע צושויער צום בילד פון דערשטיקן דורכן פאַשיזם די שפּאַנישע דעמאָקראַטישע פאָלקס־רעגירונג, אַן אַקט וואָס איז געווען די איינלייטונג צו דער צווייטער בלוטיקער וועלט־שחיטה.

אַ ווידער־אויפבויאונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף די זעלבע דורכגעפאַלענע פאָרמען פון דער ערב־מלחמהדיקער באַוועגונג וועט נישט זיין מסוגל צו פאַרהיטן די וועלט פון דער איבערחזרונג פון דער בלוטיקער קאַטאַסטראָפע און פון נייע טראַגישע נסיונות; היינט, ווי פאַרן קריג, איז דער גורל פון אַרבעטער־קלאַס און סאָציאַליזם און פון דער מענטשלעכער אויסלייזונג פאַרבונדן מיטן זיג פון די דאָזיקע אידעען.

נאָך דער בלוטיקער שחיטה פון צווייטן וועלט־קריג שטייגט אין אַ ריי לענדער פון דער וועלט די איבערצייגונג צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן, אַז די נאָך־מלחמהדיקע וועלט קען און דאַרף איבערגעבויט ווערן אויף יסודות פון סאָציאַליזם. אין אַ ריי לענדער (ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע אאַז״וו) האָבן די וואַלן באַוויזן דעם שטאַרקן דראַנג פון די מאַסן צום סאָציאַלן איבערבוי.

די נאָך־מלחמהדיקע טאַקטיק פון אַ צאָל אַרבעטער־פּאַרטייען אין אייראָפּע באַווייזט, אַז עס איז רייף די צייט ווען אַ ריי אמתן פון דעם רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן באַגאַזש זאָלן קענען ווערן די אמתן פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס; עס בילדן זיך אויס פאַרשיידענע פאָרמען פון איינהייטלעכן פראָנט, אָדער אַקציע־איינהייטן אין אַ ריי לענדער. אין אייניקע לענדער קומט פאָר אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען און רעוואָלוציאָנער־געשטימטע פּויערים־מאַסן מיטן ציל דורכצופירן טיף־גרייכנדיקע סאָציאַלע ענדערונגען אין דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט. אויך דער פּוילישער „בונד״, וואָס איז אַלעמאָל געווען איינער פון די הויפּט־פאָנען־טרעגער פון די אידעען פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, ווערט איצטער ווידער אויפגעבויט און באַנייט אין מסירת־נפשדיקער טרייהאַפט צו אָט די אידעען.

אומעטום קומט אָבער גלייכצייטיק פאָר אַ מאָביליזאַציע פון רעאַקציאָנערע כוחות און אין אייניקע לענדער — פּרואוון צו רעסטאַווּרירן פאַרשיידענע „פירערשאַפט־קולטן״ (דע־גאָל) מיטן ציל אויסצונוצן די

נאָך־מלחמה־שוועריקייטן און נישט־סטאַבילע שטימונגען פאַר די צילן פון רעאַקציע און פאַרן צוריקקער צו די פאַרמלחמהדיקע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. אָט די רעסטאַווירירונג־טענדענצן זיינען באַזונדערס געפערלעך, ווייל זיי שטיצן זיך אויף דער אָרגאַניזירטער קראַפט פון אינטערנאַציאָנאַלן גרויס־קאַפּיטאַל, וועלכער נוצט איצטער אויס זיין מיליטערישע און עקאָנאָמישע מאַכט צו שטיצן רעאַקציאָנערע רעזשי־מען אין אַ גאַנצער ריי לענדער פון אייראָפּע.

אין אָט די באַדינגונגען ווערט די איינהייטלעכע פּראָלעטאַרישע אַקציע, געשטיצט אויף די אידעען פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, אומעטום דער געבאָט פון דער שעה. פון פאַרווירקלעכן אָדער נישט פאַרווירקלעכן אָט די איינהייט קאָן זיין אָפּהענגיק די גאַנצע ווייטער־דיקע אַנטוויקלונג אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט — צו רעאַקציאָ־נערער רעסטאַוראַציע, אָדער צום סאָציאַליזם.

די דאָזיקע לאַגע רוקט אַרויס פאַרן סאָציאַליזם דרינגענדיקע אַקטועלע אויפגאַבן און גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די רעשטלעך פון די פאַרבליבענע בונדיסטן זיינען מחויב — נע־מענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט — היינט נאָך מער עקשנותדיק ווי אַמאָל ווידמענען זייערע כוחות פאַר שפּרייטן די אמתן, וועלכע זיינען געווען און פאַרבליבן דער גרונט־יסוד פון דער אידעאָלאָגיע פון פּוי־לישן „בונד” און פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, — פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון די אויבנפאַרמולירטע אידעען פון רעוואָ־לוציאָנערן סאָציאַליזם.